UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 120- Fall 1992- Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/32v7w2bx

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 120(1)

Publication Date
1992

Copyright Information
Copyright 1992 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

## 120

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור און געז. ענינים

אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז מיט דער מיטהילף פון:
- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל.א.


האַרבסט
תשנ"ג

AUTUMN
1992

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פראָגראַם שליסט איין:
- אַנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל - די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאדן אייך איין אַנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל.א. שטאַט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
לואי סענענסיב, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

## *PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: M. COHEN N. GIEROWITZ, L. MEISNER & J. SHAFER



Subscription price: $8.00 per year

# אינהאַלט


דוד האָפּשטיין: ליד ........................................ 3
* 12־טער אויגוסט ........................................ 4
* הונדערט און צוואַנציק ........................................ 4
יצחק קאַהאַן: 12־טער אויגוסט 1952 - דאָס וואָס בלייבט:
40 יאָר שפּעטער ........................................ 5
פּרץ מאַרקיש: ליד ........................................ 15
איציק פעפער: ליד ........................................ 15
לייב קוויטקאָ: ליד ........................................ 16
שמואל האַלקין: ליד ........................................ 16
משה קולבאַק: ליד ........................................ 17
מ. וואָלף: "דער שיר המעלות פון דעם יידישן זינגפויגל שמואל האַלקין" .... 18
מאיר חרץ: לידער ........................................ 24
שירה גאָרשמאַן: געזעגענונג (מיניאַטור) ........................................ 26
לילי בערגער: דער בעל־יובל מיט זיך אַליין (דערציילונג) ........................................ 27
חנן קיעל: לידער ........................................ 35
שמואל איזבאַן: אַ ריכטער פון עזה ........................................ 37
משה שקליאַר: לידער ........................................ 42
עקיבא פישבין: "ניגונים פון אוישוויץ" ........................................ 44
אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........................................ 44
פיניע פלאָטקין: לידער ........................................ 48
ישראל גובקין: שלמה המלך און דאָס אָרעמע יינגלע (דערציילונג) ........................................ 49
חיים קעניגער: לידער ........................................ 51
הינדע זאַרצקי: לידער ........................................ 52
חנן קיעל: חנן אַיאַלטי ........................................ 53
גרוניאַ קאַהן: לידער ........................................ 58
מ. ש.: אַ ניי בוך פון מאיר חרץ "נאָכן סך הכל - דריי" ........................................ 59
ישראל גובקין: שורות וועגן שלום ........................................ 60
יוסף סאָסקי: צום 66־סטן יאָר פון אונדזער קולטור־קלוב
(אַ שטיקל געשיכטע) ........................................ 62
לילקע מייזנער: מיר זענען אייגנאַרטיק אין פאָרם און פאַרנעם
(פונעם יערלעכן באַריכט־רעפעראַט) ........................................ 68
באַגריסינגען ........................................ 79-72

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 120

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
נתן גראַביטש
משה כהן
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

48־סער יאָרגאַנג, נומער 120 • האַרבסט 1992 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

ה'תשנ"ג

5753

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.**

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון "חשבון"

**דוד האָפשטיין**

## אין יידישן וואָרט

אין יידישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד ווי ס'איז טייער,
איז פאַראַן אַזאַ רוף צו באַנייונג, איז פאַראַן אַזאַ העלישער פייער,
אַז ווינטן, וואָס ציען אויף וועלטישע ברייטע באַראָטן,
ניט קענען פאַרבלאָזן זיין גליענדן אָטעם,
און אַשן פון תקופות ניט קענען זיין צונטער פאַרגרויען,
זיין מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אויף שטילקייט פון בלויען.

אין יידישן וואָרט, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פון די צוואַנגען,
וואָס אומרואיק זוכט זיך נאָך פעלדער און סטעפּעס,
איז פאַראַן שוין די זיכערע רו און די ברייטקייט פון עפּאָס.
און ניט נאָר ביי הייליקע שומרים – אין וואָרט ביי די פּשוטע היטערס,
הערט זיך דער אָנהייב פון שטאָלצע געזאַנגען פון שניטערס,
הערט זיך דער אָנזאָג אויף מונטערע קלאַנגען פון שייער –
אין יידישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טייער...

## 12־טער אויגוסט

מיט בלוט־טריפנדיקע אותיות איז די דאָזיקע דאַטע פאַרשריבן אין אונדזער געשיכטע – 12־טער אויגוסט 1952. אין יענעם טאָג, מיט פערציק יאָר צוריק, איז אין קעלער פון דער מאָסקווער לוביאַנקאַ־תפיסה פאַרשניטן געוואָרן די קרוין פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. געזאָלט האָט עס זיין דער לעצטער אַקט, דער פינאַל פון אַ לאַנגיאָריקן סאַדיסטישן פּלאַן, וועלכן די סטאַלינישע הענקער האָבן געהאַט פאַרגרייט פאַר די יידן פון זייער לאַנד.

פריער איז געווען די ליקווידאַציע פון יידישע שולן, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, צייטונגען, ביכער־פאַרלאַגן און טעאַטערס, באַגלייט דורך מאַסן־אַרעסטן, מאָרדן און צוואַנג־אַסימילאַציע (אין די דרייסיקער יאָרן). אין דער זעלבער צייט איז אויף צו פאַרבלענדן דער וועלט די אויגן געשאַפן געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין בירעבידזשאַן, ווו סטאַלין האָט געזאָלט – האַרט פאַר זיין טויט – פאַרשיקן אַלע יידן פון גרויסן סאָוועטן־לאַנד. שפּעטער איז דער זאַץ אין יידישע דרוקערייען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שמעלץ אַזוי, אַז אַ יידישער אות זאָל מער נישט קאָנען זען די ליכטיקע שיין, און יידישע ביכער זענען באַגראָבן געוואָרן טיף אין די קעלערן פון ביבליאָטעקן וואָס האָבן געטראָגן לעניִנס נאָמען...

איז דאָס אַלץ נאָך ווייניק געווען. דער פאַלשער גאָט אין קרעמל איז געווען דורשטיק. ער האָט געלעכצט נאָך בלוט, נאָך יידיש בלוט. איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער מאָרד איבערן גרויסן יידישן פאָלקס־אַרטיסט שלמה מיכאָעלס, ועמען "ער" אַליין זאָל האָבן באַקרוינט מיטן נאָמען "סאַלאָמאָן מודרי". און דאָס איז געווען בלויז אַ סיגנאַל. נאָך דעם – די ליקווידאַציע פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין די יאָרן פון מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד; די אַרעסטן פון פרץ מאַרקישן, איציק פעפערן, דוד האָפשטיינען, דוד בערגעלסאָנען, דער נסתר, שמואל האַלקינען און צענדליקער אַנדערע אָנגעזעענע יידישע שאַפערס און קולטור־בויערס, שרייבערס, קינסטלערס, אַקטיאָרן און – דער גרויזאַמער מאָרד פון 12־טן אויגוסט 1952. זיי האָבן נישט געהאַט דאָס גליק פון די יידישע דאָקטוירים – די "מערדערס אין

(סוף אויף ז' 18)

## הונדערט און צוואַנציק

געוויינטלעך ווען מיר ווינטשן זיך "עד מאה ועשרים" – ביז הונדערט און צוואַנציק, מיינט מען – יאָרן. נו, האָבן מיר דערלעבט ביז הונדערט און צוואַנציק, אָבער נישט יאָרן, נאָר נומערן – 120 נומערן "חשבון". איז עס אַוודאי אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ בליק אויף צוריק, אויפן דורכגעמאַכטן וועג. דאָס טוט אויף אַן אַנדער אָרט אונדזער פריינד יוסף סאַסקי, וועלכער שרייבט וועגן 65 יאָר אַרבעט פונעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס און וועגן "חשבון" ווי אַ טייל פונעם קלוב.

אויף דעם אָרט ווילן מיר בלויז דערמאָנען, אַז פאַר די 46 יאָר זינט דער "חשבון" האָט אָנגעהויבן דערשיינען, האָט דער זשורנאַל זיך דערוואָרבן אָנזען אין דער יידישער קולטור־וועלט, הגם ער געפינט זיך אויף איר פעריפעריע. שוין דער פאַקט וואָס איינער פון זיינע ערשטע רעדאַקטאָרן איז געווען דער באַוווסטער דיכטער ה. רויזענבלאַט, האָט באַשטימט זיין כאַראַקטער נישט ווי עפּעס אַ ווינקל־אויסגאַבע אין דער פּראָווינץ, נאָר

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# 12־טער אויגוסט 1952 - דאָס וואָס בלייבט: 40 יאָר שפּעטער

## (דער שחיטה־פּאָגראָם איבער די יידיש־סאָוועטישע שרייבערס און ליטעראַטר)

מיר זענען ווי אַ פאָלק, ביים סאַמע בראשית פון אונדזער געשיכטע, מערדערלעך געוואָרן באַפאַלן פון אַ גרויזאַמען פיינט, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אונדז אויסטראָטן פון דער וועלט. זיין היסטאָרישער נאָמען, עמלק, איז געוואָרן דער סימבאָל פאַר אַלע אונדזערע שפּעטערדיקע שונאים, קעגן וועלכע אונדזערע חכמים האָבן אונדז אָנגעזאָגט: ז כ ו ר א ש ר ע ש ה ל ך ע מ ל ק (אין יידיש: געדענק וואָס עמלק האָט צו דיר געטאָן).

דער עמלק האָט פאַרשיידענע פנימער און נעמען. אין יעדער תקופה פון אונדזער געשיכטע האָט ער געטראָגן אַן אַנדער נאָמען, אָבער מיטן זעלבן ציל: אויסטראָטן אונדז פון דער וועלט פיזיש און גייסטיק. היטלער־עמלק פון נאַציסטישן דייטשלאַנד און סטאַלין־עמלק פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן אונדזער פאָלק געוואָלט חרוב מאַכן אויפן שוידערלעכסטן אופן, וואָס האָט נישט קיין שום גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אונדזער יידיש פאָלק איז אין די יאָרן פון זייער בלוטיקער ממשלה אָפּגעגאַנגען אין בלוט און טרערן.

אין די היטלער־יאָרן האָבן מיר פאַרלוירן אַ דריטל פון אונדזער פאַלק, אויף וועלכן מיר הערן נישט אויף צו טרויערן און באַוויינען דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, און דאָס וועט אָנהאַלטן עד סוף כל הדורות.

אין די סטאַלין־יאָרן האָט אונדזער פאָלק שוידערלעך געבלוטיקט אין פאַרשיידענע פאַזעס, איבער דער לענג און ברייט פון דער סאָוועטישער אימפּעריע, סטאָלין האָט אויך פון אונדז דערמאָרדעט די קרוין, וואָס האָט באַשיינט און באַלויכטן דעם גייסט פונעם יידישן קולטור־לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און מחוץ אים אויףביידע זייטן אַטלאַנטיק.

אין דער אַנטאָלאָגיע "אַ ש פּ י ג ל א ו י ף אַ ש ט י י ן" (1964) זענען אויפן שערבלאַט אָנגערופן נאָר צוועלף דימענטן פון דער יידיש־סאָוועטישער קרוין, אָבער זייער צאָל איז דאָך געווען אַ סך גרעסער, ווי די צוועלף אָנגערופענע, און מיר וועלן זיי דערמאָנען.

מיר הייבן אָן מיט די 12 נעמען – געבוירן־יאָר, און אומקום־יאָר – ואילו הן: דוד

---

ווי אַ זשורנאַל וואָס האָט צוגעצויגן צו מיטאַרבעט אָנגעזעענע נעמען פון דער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק.

דאָס הייסט נישט, אַז דער וועג איז געווען אַ גראָדער, באַרג־אַרויפיקער. צייטנווייז, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן, זענען געווען איבעררייסן אינעם דערשיינען פונעם זשורנאַל, געווען זענען פאַרשיידענערליי שוועריקייטן, וועלכע מען האָט געדאַרפט בייקומען. אָבער אַלע מאָל, אונטער יעדער רעדאַקציע, איז געווען דער ווילן און דער אָנשטרענג אָנצוהאַלטן דעם זשורנאַל אויף אַ געהעריקן ניוואָ. האָבן מיר טאַקע ביז היינט חשובע מיטאַרבעטער און געטרייע לייענער און פריינד, וואָס אָן זיי וואָלט נישט מעגלעך געווען אָנצוגיין מיט דער אַרבעט.

ווילן מיר דאָ – צום נומער 120 "חשבון" אויסדריקן אַ דאַנק אַלע אונדזערע מיטאַרבעטער, פריינד און לייענער, אפּוטרופּסים און שטיצער, וואָס אָן זיי וואָלטן מיר נישט דערגרייכט די מאה ועשרים.

בערגעלסאָן: 1952-1884; דער נסתר (פנחס קאַהאַנאָוויטש): 1950-1884; אַהרן קושניראָוו: 1949-1890; לייב קוויטקאָ: 1952-1890; פרץ מאַרקיש: 1952-1895; משה קולבאַק: 1940-1896; שמואל האַלקין: 1960-1897; איזי כאַריק: 1937-1898; איציק פעפער: 1952-1900; זעליק אַקסעלראָד: 1941-1904.

איך האָב אין אסתר ראָזענטאַל-שניידערמאַנס ביכער, בפרט אין "ביראָבידזשאַן פון דער נאָענט" אָנגעטראָפן אַ גאָר גרויסע רשימה נעמען פון דערמאָרדעטע יידישע פערזענלעכקייטן פון גייסט און קולטור אויף אַלע אָפּשניטן פונעם יידיש-סאָוועטישן לעבן; נעמען פון אַזאַ הויכן קאַליבער, ווי מאַקס עריק, ד"ר ישראל צינבערג, יוסף ליבערבערג (גרינדער, דירעקטאָר פון קיעווער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור ביי דער אַלאוקראַאינישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע, אָנצורופן נאָר עטלעכע נעמען פון אַ לעגיאָן דערמאָרדעטע דורך דעם עמלק-סטאַלין.

* * *

...אין 1925 האָט לייוויק זיך באַגעגנט מיט איזי כאַריקן אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. שפּעטער האָט לייוויק וועגן דעם צוזאַמענטרעף געשריבן: "איין מאָל איז ער געקומען צו מיר אין האָטעל אַ ביסל בגילופנדיק. זיין פיינער קאָפּ האָר – צעשויבערט, זיינע גוטע לאָכנדיקע אויגן אָנגעפילט מיט אַ מאָדנער אַרויספאָרישקייט. ער האָט געבראַכט מיט זיך זיינע נייע לידער און גענומען זיי לייענען פאַר מיר. דאָס זענען געווען לידער קעגן דעם יידישן שטעטל, שורות שאַרפע, כמעט שילטנדיקע. אמת, זיין שילטן דאָס שטעטל איז געווען באַגלייט מיט אַ כאַראַקטעריסטישער לירישקייט און מיט צווישן-שורותדיקן טרויער, וואָס גנבעט זיך אַריין אין אַ סך פון זיינע לידער.

די לידער האָבן אַרויסגערופן אין מיר אַ ווייטיקדיקע אויפרעגונג. צווישן אונדז האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ הייסער וויכוח. איך האָב אים געטאַדלט פאַר דער רציחה זיינער צום שטעטל – אַ רציחה וואָס איז אין תוך געווענדט קעגן אונדזערע אומשולדיקע, אָרעמע פאַלקס-מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין דלות און שווערער האָרעוואַניע, אָבער גייסטיק זענען זיי געווען דערהייבענע מענטשן.

כאַריק האָט זיך געעקשנט. מיט אַ מאָל איז ער צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום טישל ביי וועלכן מיר זענען געזעסן און זיך אויפן קול פונאַנדערגעוויינט. איך בין ניט געווען געפּלעפט דערפון – כ'האָב אינסטינקטיוו דאָס דערוואַרט. איך בין געווען צופרידן פון זיין פונאַנדערוויינען זיך. כ'האָב דערפילט צו אים אַ באַזונדערע וואַרעמקייט, מחמת איך האָב דערפילט אין דער זעלביקער צייט אַן אָנונג פון אַ טראַגישקייט, וואָס לויערט איבער אים. אין אַ פּאָר רגעס אַרום איז ער אויפגעשפּרונגען און האָפערדיק אַ זאָג געטאָן: "איר'ט נאָך זען וואָס פאַר אַ גרויס יידיש לעבן עס וועט קומען אונדז אַנטקעגן, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע יידישע ליטעראַטור מיר וועלן נאָך שאַפן אין אונדזער ראַטנלאַנד, איר'ט נאָך זען וווהין מיר וועלן דערגריין!"

אַ צענדליק יאָר שפּעטער האָט שוין כאַריק איינגעזען "וווהין מיר וועלן פאַרגיין", בעת עס האָט געלויערט אויף דער סאָוועטיש-יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער דער גזר-דין פון איר פאַרטיליקונג צוזאַמען מיט אירע שעפער. דער פאַרגעפּיל פון אָנקומענדיקן יידישן חורבן אין ראַטן-לאַנד האָט כאַריקן געוואָרנט און געראַטן צו ווענדן זיך צום קאָמינטערן נאָך אַ קאָמאַנדעראָווקע קיין פּאַלעסטינע, ווו ער וועט אַרבעטן פאַר דער רעוואָלוציע צווישן די קאָמוניסטן אינעם מיטעלן מזרח.

זיין בקשה איז ואָפּגעוואָרפן געוואָרן, ער איז געבליבן אין מינסק, ווו עס האָט זיך דער חושך אָנגערוקט... וועגן זיין פאַרצוויפלונג אין יענער פינצטערניש זאָגן עדות אַזעלכע

שורות זיינע, וועלכע אַנטפּלעקן זיין ממעמקים קראַתיך ד':

אַנטלויפן? איך קען ניט, איך וויל ניט אַנטלויפן, / און ס'וועט שוין דאָ אוממעגלעך ווייטער צו זיין, / עס האָט זיך דער חורבן צעגלייגט אויף די הויפן, / אין שויבן פאַרלאָשענע טראָפּעלעך שיין. "גאָרנישט און ליידיקייט, פּוסטקע און ווינטן, / עס הענגט דאָ אַ שטילע, פאַרלאָשענע שעה... / איך גיי און מיר דאַכט זיך – מע גייט נאָך פון הינטן, / קער איך זיך אום – איז קיינער ניטאָ. "גיי איך פּאַמעלעך און ס'ווילט זיך מיר יאָגן... / עס הילכט דאָ צעשראָקן מיין טראָט אויף דער ערד, / טראָג איך זיך אום, און איך בעט זיך: זאָל טאָגן, / זאָל טאָגן! איך קען שוין ניט מער!"

ביים לייענען די שורות, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק לייוויקס שטראָפרייד צו כאַריקן אין מיטן די 1920־ער. איך האָב אָנגעהויבן מעיין זיין אין כאַריקס לידער פון יענער צייט. לייוויק האָט וועגן אים דאַן נאָך געשריבן: "...אויף זיינע נאַיווע נאָך יינגלשדיקע פּלייצעס / נעמט מען און מע לייגט אַרויף אַזאַ משא..." דאָס איז געווען זיין ענטפער צו כאַריקן אויף זיין ליד: "שליידערט, וואַרפט וואָס מערער לאַסטן אויף מיין קאַרק, / כ'וועל אפשר פעסטער נאָך צונויפדריקן די ציינער, / און וויפל איר וועט וואַרפן, וועל איך אַלץ זאָגן: קאַרג! / און ווי עס זאָל ניט שווער זיין, וועל איך אַלץ שרייען: ווייניק! וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס'איז מיר איצטער גרינג, / און וואָס איך זאָל ניט טאָן נאָר, טוט זיך הויך און הילכיק?... / באַדאַרף איך זינגען, שטיי איך און איך זינג – / און ס'ענטפערט מיר אַ טויאיקער דער מילכוועג. / אַ לעבן וואָלט איך, דאַכט זיך, אומגיין אויף דער ערד / מיט ערשטן טוי און יוגנט אויף די ליפּן. / און ווען עס וועט ווערן שווער... אַז ווי קען ווערן שווער? / ווען יונגע קרעפטן טריפן נאָך און טריפן..."

ווען מען איז נאָך יונג, מיינט מען צו קענען איינעמען די וועלט, טראָגן זי אויף די פּלייצעס, בפרט, ווען מען האָט אָקערשט געקראָגן אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי־לעגיטימאַציע... אָבער שפּעטער, אין אַ ליד געווידמעט ז. אַקסעלראָדן, באַקלאָגט ער זיך, אַז "מיט אַלע זיינע פיר און צוואַנציק שעה, / איך קען זיך אַלץ ניט אויסבויען קיין וווינונג / און רואיק זיך אַוועקלייגן: אָט דאָ. / איך וועל קיין רו שוין קיין מאָל ניט פאַרמאָגן, / ווי איך האָב קיין רו ביז איצטער ניט פאַרמאָגט... / און שפּעט ביינאַכט איך קום צו זיך און זאָג זיך: / פאַרבלוטיקטער, מיין אומרואיקער, יאָג! "יאָג און יאָג ביזן לעצטן שפּור פון קרעפטן, / ביז לעצטן ריר פון דיינע הייסע טעג, / און וועט אַ קויל אַ ליכטיקע דיך טרעפן, / וועסטו נאָך לאַנג זיך יאָגן אויף דיין וועג".

גייען אַזוי ליד נאָך ליד פון איזי כאַריקס שאַפונגען אין די יונגע יאָרן זיינע (איך ציטיר זיי, און אַזוי אויך פון אַנדערע אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, פון בוך "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין"). אין 1926 שרייבט ער וועגן זיין שטעטעלע, טאַטע־מאַמע מיט אַזאַ לירישער צאַרטקייט: דאָ האָט אַ מאָל אַ יינגעלע געלעבט / און ס'האָט דאָס יינגעלע נאָך ניט געוווּסט פון זאָרגן. / הייזלעך פלעגן אויפהייבן די קעפּ / און שטילערהייט אים ענטפערן: גוט מאָרגן".

אָבער פאַר לייוויקן האָט ער געלייענט "פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס..." "פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס, / מיט בערד צעשראָקענע, פאַרלאָפענע מיט שניי!... / אין לעצטן בראָך, אין לעצטן וויי / זייט איר פאַרבליבן לעצטע עדות, – פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס! / "אַז ווינד, אַז ווי צו אייער גאַנצן שטעטל / צעטראָטענעם אין ווייטאָג און אין נויט... צו יעדן הונגעריקן ביסן ברויט / האָט איר פון לאַנג געשמייכלט און געבעטלט, – / אַז ווינד, אַז ווי צו אייער גאַנצער שטעטל.

און קוקט איר איצט צעשראָקענע און מידע, / און ס'ציטערן און ס'טרייסלען אייך די קני, / – ווער ווייס, ווער ווייס, אויב ס'וועלן די, / אויב ס'וועלן אָט די זין שוין בלייבן יידן? / "און מיר, אָט די, וואָס רופן אייך נאָך זיידעס, / און ווייסן אַז דאָס דאַרף מען שוין ניט לאַנג, / מיר גייען אויף, ווי ערשטער קלאַנג, / ווי ערשטער קלאַנג פון קומענדיקע פריידן, / מיר, אָט די, וואָס רופן אייך נאָך זיידעס. איז גוט אַריינקוקן אין אומעטיקע אויגן, / ווען פרעמד איז אייער וויטאָג פון די בערד... / מיר, אָט די און די – ס'איז אונדז באַשערט, / ס'איז אונדז באַשערט שוין קיין מאָל זיך ניט בייגן. / פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע אויגן!"

דאָס ליד איז אים נישט בייגעשטאַנען... ס'איז אים ניט בייגעשטאַנען דער זכות, דהיינו, אַזאַ שאַרפער אַרויסטריט קעגן טראָצקיזם אין אַ ליד וואָס ער האָט געשריבן און פאַרעפנטלעכט אין מינסקער "אָקטאָבער" דעם 23טן אָקטאָבער 1936. ער שרייבט: "...מיין הונט ווען איך וואָלט אָנרופן: טראָצקי צי זינאָוויעוו, וואָלט מיין הונט פון חרפה גאָר ניט אויפהערן צו וואָיען"...

אין מערץ 1937, איז כאַריק אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די סאָוועטישע שרייבערס אין ווייס־רוסלאַנד באַשולדיקט געוואָרן אין דורכלאָזן "טראָצקיסטישע דורכפאַלן" אין מינסקער ש ט ע ר ן, איזי כאַריק איז אין אַ קורצער צייט אַרום אומגעקומען ערגעץ ווו אויף פאַרשיקונג. ער איז רעהאַביליטירט געוואָרן אין 1956...

* * *

צווישן איזי כאַריק און משה קולבאַק איז געווען אַ גרויסער מהלך אין זייערע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן. קולבאַק איז אין 1928 פון פוילן אַוועק קיין מינסק, ווו ער האָט זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע. עס ווערט דערמאָנט אין די ביאָגראַפיעס פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבערס אין ראַטן־פאַרבאַנד: "שווער געווען אים צוצופאַסן זיך צו דער סאָוועטישערווירקלעכקייט מיט אַ ירושה פון "ראָמאַנטיק און מיסטיק פונעם רעאַקציאָנערסטן שניט"...

ווערליק אַזאַ כאַראַקטעריזאַציע, איז שוין ניט געווען קיין וווּנדער זיין פּאַסטקאַרטל, וואָס ער האָט אַ פּאָר וואָכן נאָכן באַזעצן זיך אין מינסק געשריבן צו זיין ווילנער פריינד, אַ. גאָלאָמב: "זאָגט מיר צו רפואה, איך גיי פון באָד, מען דאַרף זיך דאָ גוט וואַשן און ריניקן אויב מען וויל ניט גיין ביים ראַנד פון לעבן"...

ער איז געקומען קיין מינסק, שוין מיט אַ גאָר רייכן ליטעראַרישן באַגאַזש, וואָס האָט זיין נאָמען באַרימט געמאַכט אין דער יידישער ליטעראַטור פון ביידע זייטן אַטלאַנטיק. ער האָט דעביוטירט אין 1916 מיט אַ ליד אין די ווילנער "ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ז אַ מ ל ה ע פ ט ן", וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּאָפּולער ווי אַ פאָלקסליד, "שטערנדל". היות זיינע עלטערן האָבן געוווינט אין מינסק, איז ער נאָכן בריסקער שלום (1918) אַוועק צו זיי, געוואָרן אַ לערער, ער אַרבעט אין די יידישע פאָלקשולן און איז לעקטאָר ביי די יידישע פּרעבל־קורסן, עס ציט אים אָבער קיין פוילן, קיין ווילנע (1919), ווו ער איז ממשיך זיין פּעדאַגאָגישע טעטיקייט ווי אַ לערער אין די יידישע פאָלקשולן. ער שאַפט און דרוקט לידער און פּאָעמעס וואָס דערשיינען אין דער פּעריאָדישער פּרעסע. די ליטעראַטור־קריטיק נעמט זייער וואַרעם אויף זיינע שאַפונגען, און קולבאַק ווערט שוין דעמאָלט באַקאַנט ווי איינער פון די אָריגינעלסטע און באַטייטנדיקסטע מאָדערנע יידישע דיכטערס (1920).

אין דעם יאָר פאָרט ער קיין בערלין, אָנצוקומען ווי אַ פרייער צוהערער אין

אוניווערסיטעט. ער האָט געמוזט זיך פון דעם אָפּהאַלטן מחמת ניט גענוגנדיקע קענטעניש אין דייטש. ער באַקענט זיך אין בערלין מיט די יידישע שרייבער־עמיגראַנטן (בערגעלסאָן, נאָמבערג), לעבט אין דחקות (עפּעס נאָר פאַרדינט ווי אַ סופלאָר ביי דער ווילנער טרופּע, וואָס גאַסטראָלירט אין בערלין. ער האָט אָבער די גרויסע מעגלעכקייטן צו בילדונג, וואָס ער זוכט אין יענער צייט משלים צו זיין. איינצייטיק איז ער זייער פּרוכטיק אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, עס דערשיינט זיין פּאָעמע "רייסן", זיין דראַמע "יעקב פראַנק", "משיח בן אפרים" און נאָך אַנדערע שאַפונגען.

אין 1923 – צוריק אין ווילנע, וווּ ער אַרבעט, ביז זיין באַזעצן זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי אַ לערער פון יידישער ליטעראַטור אין די העכערע קלאַסן פון די יידישע גימנאַזיעס, און איז לעקטאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר. אין אָט די ווילנער יאָרן פאַרעפנטלעכט די פּאָעמע "ווילנע", "בוניע און בערע אויפן שליאַך", דעם ראָמאַן "מאָנטאָג", לייענט רעפעראַטן, שרייבט אַרטיקלען, פירט אויף מיט זיינע שילער עטלעכע פּיעסן, ווערט אויסגעוויילט ווי דער פאָרזיצער פון פע"ן־צענטער פאַר דער יידישער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. דורך אָט די פינף יאָר אין ווילנע איז זיין שאַפערישקייט אויסגעוואַקסן צו דריי בענד, פאַרעפנטלעכט אין ווילנע דורכן פרעסטיזשפולן קלעצקין פאַרלאַג. זיינע תלמידים אין די גימנאַזיעס און אין לערער־סעמינאַר פאַרגעטערן אים. ער איז זייער ליבלינג־לערער ביז זיין סאַמע אָפּפאָר קיין מינסק.

זיינע הויפּט־ווערק פאַר דער סאָוועטישער צייט: זעלמעניאַנער, אין צוויי בענד; די ביאָגראַפישע פּאָעמע, אין וועלכער ער שילדערט זיין לעבן אין דייטשלאַנד, אַ"נ דיסנער טשיילד האַראָלד, די דראַמע "בויטרע", אַ באַנד געק־ליבענע לידער; אַן איבערזעצונג פאַרן ווייסרוסישן יידישן מלוכה־טעאַטער גאָגאָלס "רעוויזאָר" – איך ציטיר דאָס אַלץ פון די ביאָגראַפיעס אין דער זאַמלונג "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין – מיר זאָלן האָבן פאַר זיך די אויסערגעוויינטלעכע קינסטלערישע עשירות פון משה קולבאַק ביז זיין טראַגישן כרת.

מיר קענען קוים זיך פאָרשטעלן, וואָס דער גרויסער יידישער קינסטלער האָט איבערגעלעבט אין זיין מינסקער פעריאָד, ווען די יידיש־סאָוועטישע קריטיק האָט געריסן פון אים לעבעדיקע שטיקער, געמאָנט פון אים ער זאָל "זיך איבערבויען"... זיי האָבן כסדר געפונען ביי אים אידעאָלאָגישע "פּסולת", מחמת ער האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער "גענעראַל־ליניע".

ווי איזי כאַריק, איז אויך קולבאַק אין זעלבן יאָר אַרעסטירט געוואָרן (1937), געשטאָרבן אין פאַרשיקונג אין 1940. רעהאַביליטירט אין 1956.

משה קולבאַק, ווי איזי כאַריק, האָבן געהערט צו די ערשטע קרבנות פון דער סטאַלינישער שחיטה איבער דער יידישער קולטור און אירע שעפער. דעם הויך־פּונקט פון סטאַליניסטישן פּאָגראָם אויף אַ מאַסעוון, מערדערלעכן אופן, האָט עס דערגרייכט דעם 12טן אויגוסט 1952. עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז די יידיש־סאָוועטישע שרייבער זענען בלב ובנפש געווען איבערגעגעבן דעם אידעאַל פון דער סאָוועטישער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין וועלכער זיי האָבן אַזוי הייליק געגלויבט מיט אַ רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

ווען משה קולבאַק איז פאַר זיין אָפּפאָר קיין מינסק אין 1928 געקומען קיין וואַרשע געזעגענען זיך מיט די יידישע שרייבער אין ליטעראַטן־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע 13, האָט ער דעמאָלט אויף דעם פייערלעכן געזעגנונגס־אָוונט, שאַרף אַריינגעזאָגט דער "פאַרפוילטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט "און געלויבט אין הימל אַריין דעם גן־עדן פאַר

דער יידישער קולטור אין "סאָציאַליסטישן" רוסלאַנד.

זיכער האָט קולבאַק גוט געדענקט קרילאָווס משל וועגן אַ הונט און אַ וואָלף, וועלכער האָט דערזען דעם צייכן פון אַ ציימל אויפן האַלדז פון הונט... דאָס האָט אויך גוט געוווּסט דוד בערגעלסאָן, וועלכער האָט בעת די יאָרן פון דער שוידערלעכער צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע אין ר"פ, פאַרלאָזן די "פאַרפוילטע קאַפּיטאַליסטישע וועלט", געלאָפן זיך ראַטעווען פון איר אין "סאָציאַליסטישן" לאַנד, וויסנדיק שוין אַז דער "פאָטער פון די סאָציאַליסטישע פעלקער" האָט ליקווידירט די יעווסעקציע...

איך שרייב די שורות ערב דער פערציקסטער יאָרצייט נאָך דער דערמאָרדונג פון די גרעסטע יידישע שרייבער און קינסטלער אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיט טיפן צער און ווייטיק דערמאָנען מיר די טראַגיש־אומגעבראַכטע; זייער בלוטיקן יאָרצייט, וואָס שרייט אַרויס פון זייערע אומבאַקאַנטע קברים צו דער יידישער וועלט; מען זאָל נישט פאַרגעסן דעם רוצח, וואָס האָט זיי דערמאָרדעט – און איינצייטיק – די יידיש־סאָוועטישע קולטור.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך געלייענט אין אַ יידישער אויסגאַבע וועגן "דוד בערגעלסאָנס לעצטן טאָג", דערציילט דורך דעם שרייבער עליעביידער. געמיינט האָט ער, "לעצטער טאָג", ווען סטאַלינס שליחים זענען אַריין צו אים אין שטוב, און האָבן אים אַרויסגעפירט... דאָס איז געווען דער איין־און־צוואַנציקסטער יאַנואַר 1949. פון דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן זיין גסיסה, וואָס האָט זיך געצויגן 1285 מעת־לעת און זיך פאַרענדיקט דעם 12טן אויגוסט 1952...

אָט די בלוטיקע ראַטע אין דער יידישער געשיכטע דאַרף פאַראַפראַזירן איציק פעפערס הויכן אויסגעשריי צום לעצטן מאָל: "איך בין אַ ייד!" מיט דעם צוגאָב פון איציק פעפערס אַרויסזינג פון קבר: "זאָג איך סטאַלין – מיין איך פינצטערער טיראַן, / זאָג איך "קרעמל". מיין איך טיפער תהום, / מיין איך רויב און מאָרד, און בלוטיקער פּאָגראָם! / מיין איך שקלאַפן־לאַגערן, מיליאָנען קנעכט, / מיין איך צילן הייליקסטע פאַרשוועכט".

דאָס ציטיר איך פון אַ ליד פון י.ל.סעגאַל, וואָס כ'האָב געהאַט געלייענט אין "ד ר ו ם־א פ ר י ק ע" (יולי־סעפּט. 1990).

ווי באַוווּסט איז בערגעלסאָן אין די 1920 ער יאָרן אַ סך אַרומגעפאָרן, באַזוכט אין שליחות פון "אָרט" יידישע ישובים, און אין בערלין צוזאַמען מיט א. כאַשין אַרויסגעגעבן דעם פּראָ־סאָוועטישן א י ן ש פּ אַ ן, אַ דעקלאַראַטיווע אונטערשטיצונג פון ראַטן־פאַרבאַנד. דעם זעלבן יאָר האָט ער אין ר"פ זיך דערקלערט פאַר אַ סאָוועטישן שרייבער... אָבער באַזעצט זיך דאָרט ערשט אין 1933. אפשר האָט ער דורך זיינע וואַנדער־יאָרן איבערגעלעבט פּערזענלעך די ווערטער, וואָס ער האָט געהאַט אַריינגעלייגט אין מויל פון זיין העלדין, מירעלע, וואָס זאָגט ביים סוף פון סוזשעט (אין "נאָך אַלעמען"): "דאָ ווו איך בין, קאָן איך מער ניט בלייבן. איך ווייס ניט וווהין מען גייט, נאָר אַוועקגיין פון דאַנען מוז איך. עס פאַלן שוין געלע בלעטער פון די ביימער און אַזוי איז ביי מיר אין האַרצן. איך לעב איבער מיין האַרבסט. מיין פרילינג האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט. עמעצער האָט אים פאַר מיר איבערגעלעבט".

דער דיכטער יוסף רובינשטיין וואָס האָט די חורבן־יאָרן איבערגעלעבט אין ר"פ, האָט געגעבן לירישע שילדערונגען פון די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד מיט וועלכע ער האָט זיך צו ערשט געטראָפן אין ביאַליסטאָק און שפּעטער אין מאָסקווע, אַלמאַ־אַטאַ בעת זיינע נע־ונד יאָרן. פון די הונדערטער ברייטע שורות אין זיין דיכטערישער טרילאָגיע, וויל איך אַרויסהייבן זיין כאַראַקטעריסטיק פון בערגעלסאָנען.

קריטיקער, איך בתוכם, האָב זיך אַ מאָל שאַרף אויסגעדריקט וועגן בערגעלסאָנס צווייטן באַנד "ביים דניעפּער". בעת איך האָב געלייענט רובינשטיינס שילדערונג פונעם גרויסן יידישן שרייבער, האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן, פאַר וואָס איך האָב ביים שרייבן וועגן קינסטלערישע פעלשונגען צו געפעלן די יעווסעקישע צענזור־קאָמיסאַרן, נישט גענומען אין אַכט: "אַל תדין את חברך עד שתגיע למקומו". רובינשטיין שרייבט:

"איך האָב געוווינט ביי בערגעלסאָנען דעמאָלט און פאַרנומען / דעם אומעט פון אַ שרייבטערס שטוב, זיין שרעק אויף שריט און טריט, / מיין אייגן צאַפּל און מיין גרויל אין פחד־קנויל אין שטומען, / אין בייזער פרעמד פאַרבלאָנדזשעט, ווי אַ מענטש און ווי אַ ייד". רובינשטיינס פסיכאָגראַפיע פון בערגעלסאָן איז געצייכנט מיט אַ דיק־דינעם בלייער, בפרט ווען ער זעט אים מיט זיך אַליין איינגעהילט אין זיין פחד־וועלט, ווו פון אַלע ווינקעלעך לויערן אויף אים די שאָטנס..." אַזוי גייט ער פאַר מיר דאָן אויף אין שימער פון באַגינען, / דורך אַלע חצותן גייט ער אויף, אַ שטראַלנדיקער ייד, / וואָס האָט געזוכט דעם וועג צו זיך און ניט געקענט געפינען, / און האָט אין שיין פון פרעמדן טאָג ביים ראַנד פון נאַכט פאַרגליט. (מגילת רוסלאַנד ז' 56)

רובינשטיינען איז געלונגען אין זיינע נשמה־פּייזאַזשן פון די סאָוועטישע יידישע שרייבערס אויפצוכאַפּן די מאָמענטן ווען זיי ווייען און לאַכן פון זיך אַליין (פאַרשטייט זיך, אַז נאָר הינטער ווענט און שפּעט ביינאַכט), דאַן ווען זיי פאַרשפּיגלען זיך אַליין אין זייערע אַנוסימדיקע, פאַלש־געליבטע לידער צו דעם מולך־אָפּגאָט־סטאַלין.

רובינשטיין האָט זיך באַניצט מיט דעם מעטאָד פון אַ דיאַגנאָסטיקער, וואָס נעמט אַ טראָפּן בלוט דורך וועלכן ער דערזעט דעם אינעווייניקסטן מצב פונעם גאַנצן אָרגאַניזם. ער האָט געזוכט צו זען דעם מענטש דעם דיכטער – נישט ווען ער איז פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך אין גאַס, נייערט ווען ער גייט אַרום ביי זיך אין צימער אין שלאָפראָק. אין דעם זינען איז זיין בערגעלסאָן־פּאָרטרעט איינער פון זיינע געראָטענסטע.

איך זע אים, און די גאַנצע רייכע פּלעיאַדע אומגעבראַכטע יידישע שרייבער, קולטור־בויערס, אויף וועלכע עס איז חל משה שקליאַרס אַ ליד "א י י ב י ק י י ט", אַ קורץ ליד פון דרייצן קליינע שורות, וואָס זענען סימבאָליש פאַר דעם אויסגעריסענעם בוים פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד, וואָס איז אַריין אין דער א י י ב י ק י י ט.

"אויסגעריסן מיט וואָרצל איז דער בוים / און ער לעבט / און קוקט נאָך אַלץ דערשטוינט, / ווי דער הימל שוועבט, / פאַלנדיק פאַרוווּנדעט צו דער ערד / און שיט פאַנאַנדער זיינע בלעטער – שטערן, / און ער הערט, / וואָס ס'קאָן דער גאַנצער וואַלד / נאָך נישט דערהערן – / דעם רויש פון צייט, / וואָס באַלד / ער וועט פון איר אַ ברוכטייל ווערן – / אייביקייט".

אַ באַווייז פון דער "אייביקייט" איז די 40יאָריקע טראַגישע דאַטע־אָפּצייכענונג אין דער גאַנצער יידישער קולטור־וועלט. אין אונדזער געמיט און זכרון לעבן די אַלע אַנוסים־מאַרטירער, וועלכע האָבן ביים לעבן ווייט נישט שטענדיק געלעבט צווישן זיך – און מיט זיך – בשלום. אָבער ווען מען האָט זיי פאַרזיגלט אין ב ו ט י ר ק י, ווו זיי האָבן אָפּגעפּינצטערט, אָפּגעטרויערט זייערע נ ע כ ט י ק ע ט ע ג, האָט יעדער פון זיי געזאָגט צו זיך מיט אייגענע מחשבות, דאָס וואָס דער דיכטער משה שקליאַר האָט סימבאָליש פאַרשפּיגלט אין זיין ליד: א י י ג נ ס.

איך ציטיר זיינע 12 שורהלעך:

"איך אורטייל איצט נישט קיינעמען / נאָר זיך אַליין, אַליין, / ווייל כ'האָב געלאָזט זיך

איינגעמן / דורך פרעמדע טראָפּנס שיין.
ווייל כ'האָב געלאָזט זיך איינוויגן / פון פרעמדן ליד און קלאַנג, / און געטראָפן מיך דער ליגן / האָט ווי גאָטס געשאַנק.
פאַרגיב די בלינדקייט, טויבעניש, / און לאָז מיך נישט אַליין, / איך וויל איצט כאָטש אַ שטויבעלע – / נאָר אייגנס זאָל עס זיין".
דער שעטנז ביי די אַנוסים איז אַוועק מיטן רויך פון די צעשאָסענע קערפּערס. 40 יאָר נאָך זייער שחיטה, זעען מיר שוין נאָר דאָס ריינע, אָפּגעזויבערט פון שעטנז, די צינזן וואָס די אַנוסים האָבן געצאָלט דעם מולך פאַר א ר י כ ו ת י מ י ם ו ש נ י ם, ביי זייער קינסטלערישער יצירה, ביז זייער כרת...
איך האָב אָן אָנהייב פון מיין י ז כ ו ר דערמאָנט נאָר עטלעכע סילועטן פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין ר"פ. ווייל איך ביים סוף צוגעבן נאָך עטלעכע פון זיי:
לייב קוויטקאָס פּאָרטרעט פאַרמאָגט אין יוסף רובינשטיינס סטראָפעס אַ גאָר באַזונדערן חן. קוויטקאָ איז אַראָפּגעקומען קיין ביאַליסטאָק מיט דער ערשטער בריגאַדע יידישע שרייבערס פון רוסלאַנד. ער האָט דער ערשטער אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע חברישע האַנט צו אַ פּליט פון וואַרשע, וואָס איז אַנטלאָפן פון היטלעריסטישן פייער. נישט לאַנג צוריק האָבן איבער קוויטקאָס קאָפּ געלויערט שווערע שוואַרצע כמאַרעס, וואָס האָבן געזוכט אים אַראָפּצושווענקען בעת די שוואַרצע יאָרן (1937–1939) אין אָפּגרונט. ער איז בשלום אַרויס פון די סכנות. זיין שר אין הימל האָט אים באַשיצט דורך דעם וואָס זיינע ווערק זיינען געווען באַקאַנט און באַליבט ביי צענדליקער מיליאָנען לייענערס, זייענדיק איבערגעזעצט אין צענדליקער שפּראַכן פון ר"פ. (לויט אָפיציעלע קוועלן פון 1946 זענען זיינע ווערק דערשינען אין 131 אויסגאַבעס אויף 33 שפּראַכן, מיט בערך 7 מיליאָן עקזעמפּליאַרן).
קוויטקאָ האָט צו די יידישע שרייבער־פּליטים געבראַכט אַ סך וואַרעמקייט, געטראָגן מיט מסירת נפש. ער איז מער ווי אַנדערע סאָוועטישע יידישע שרייבערס געוואָרן נענטער, ליבער, אינטימער. אין 1941, ווען דאָס מלחמה־פייער האָט געברענט אַרום מאָסקווע, האָט לייב קוויטקאָ זיך דורכגעריסן דורך די טויט־פייערן כדי צו ברענגען הילף, געלט און טרייסט די שרייבער־פּליטים ערגעץ אין אַ וויטן קאָלכאָז הינטער די הרי־חושך. ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און נישט געטראַכט וועגן זיין אייגענער פאַמיליע. נישט נאָר יוסף רובינשטיין, אויך קערלער באַזינגט די לויטערקייט און שיינקייט פון אָט דער וואַרעמער מענטשלעכער נשמה. יוסף קערלער שילדערט דעם האַרציקן פאָלקס־מענטש וואָס פלעגט נאָך אַ טאָג אַרבעט אַרומגיין אַ צעבראָכענער פון וויטיק און צער, פון צאָרן אין הילפלאָזיקייט. ער האָט איין מאָל אַ זאָג געטאָן צו קערלערן: "–וואָס טוט מען? וואָס טוט מען, אַז אַלע – פון אויבן ביז אַראָפּ..." און קערלער גיט צו: " איך האָב אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן דעם געדאַנק. ער איז שרעקלעך געווען פאַר אונדז ביידן"...
יוסף רובינשטיין דערמאָנט זיינס אַ באַגעגעניש מיט קוויטקאָן אין מאָסקווע אין 1940. אין דעם יאָר האָט ער מיט אים זיך גאָר אָפט באַגעגנט, זיך צוגעהערט, ווי אַזוי ער האָט גערעדט וועגן זיין פּאָעמע פון סטאַלינס לעבן. ער האָט אַזוי תמימותדיק זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן מיט אַ ייִנגליש־ליכטיקן שמייכל אויף די ליפּן, ווי ער האָט זיך אַ פּאָר יאָר געמוטשעט אויף דער פּאָעמע ביז ער איז אַרויף אויף דעם גלייכן וועג... ער גלויבט, אַז איצט שטימט זי מיט דער פּאַרטיי – גיט ער פרום אַ זאָג. ער דאַרף נאָך אַ פּאָר שטעלן אויסגלעטן און ס'וועט פון אים אַראָפּפאַלן די לאַסט, וואָס האָט אים לאַנג געפּלאָגט.

אָט דער שמועס איז פאָרגעקומען ביי בערגעלסאָן אין הויז. אויף רובינשטיינען האָט דער שמועס איבערגעלאָזט אַ גאָר פיינלעכן איינדרוק: "איך קוק זיי אָן: אָט זיצן דאָ צוויי שרייבערס פון די בעסטע / און ריידן ערנסט (...) איך זיץ און שווייג: איך פיל דאָס וואָרט ווערט דאָ פאַרשעמט, געלעסטערט"...

פאַר רובינשטיינען ווערן קלאָרער ווי קלאָר, די רייד פון קוויטקאָן אַז אַ "דיכטער דאַרף באַוואָפנט זיין מיט קלאָרקייט און ציל"... זיי פאַרשטייען זיך אויפן ווונק ווען וואָס עס האַנדלט זיך...

אין 1947 איז נאָך לייב קוויטקאָס לידערזאַמלונג "ג אָ נ צ פ ר י" פרעמירט געוואָרן דורכן אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פאַרן בעסטן קינסטלערישן בוך פאַר קינדער. אין 1948 איז נאָך דערשינען זיין לעצט בוך "געקליבענע ווערק". און אויף רוסיש אין זעלבן יאָר אַ זאַמלונג פון זיינע געקליבענע קינדער־לידער. אָבער שוין ביים זוף פון זעלבן יאָר – די מערדערלעכע גע׳יעג־וואַקכאַנאַליע אויף די הרוגי מלכות פונעם יידישן שרייבער און קולטור־שבט. דער נאָמען קוויטקאָ, ווי די נעמען פון די אַנדערע, געפינט זיך אויף דער "שוואַרצער ליסטע". דער גרויסער ווירטואָז פון דער קינדער־מעשהלע ווערט פאַרשטומט צוזאַמען מיט זיין "מלאך יידיש לשון".

צווישן די סילועטן פון די אומגעבראַכטע, טיילט זיך באַזונדערס אויס די געשטאַלט פון נסתר. מען האָט וועגן אים אַ סך דערציילט און וואָס פאַר אַ שוידערלעכע עקזיסטענץ־באַדינגונגען ער האָט געלעבט; געשאַפן זיינע קינסטלעריש־אייגנאַרטיקע ווערק. זיין יידישע וואָרצלדיקייט און נשמה־צאַפּל איז געווען פאַרקלעמט אין זיינע טיפסטע טיפענישן. זיינע יידישע בענקשאַפטן האָט ער געמוזט נאָך אויסבאַהאַלטן אין די "גוטע זיבן יאָר" פון די יעווסעקישע צענזאָרן, וועלכע האָבן פאַרצערט זיין געזונט נאָך אַ שטיק פאַרן כרת־גזר־דין.

שילדערט רובינשטיין אַ מאָמענט, ווען ער האָט מיטן נסתר שפּאַצירט צום לעצטן מאָל אין אַ מאָסקווער שטיל געסל. ס׳איז שוין געווען נאָכן קריג, ווען די פליטים פאַרלאָזן רוסלאַנד אויפן וועג צוריק קיין פוילן. דער נסתר ווינטשט אים גליק אויף דעם וויטן וועג און – ער גיט אַ ריס זיך פלוצעם, טוליעט איין אין מיר זיין פנים, / און דורך זיין שלוכצן הער איך ווי ער שטאַמלט קוים אַרויס: – איר פאָרט אַהין – טאָ, שרייט, טאָ שרייט!... זאָל אייער שטימע מאָנען!... / און זאָל די וועלט דערוויסן זיך ווי אונדזער בראָך איז גרויס!...

אַ בילדל פון דער שוואַרצער נאַכט: אין אַ שפּעטער שעה, האָט אַ. לעוו דערציילט אין בערגעסאָנס שטוב ווי אַזוי מ׳האָט ביינאַכט אַרעסטירט ליטוואַקאָוון. בערגעלסאָנס פנים האָט זיך מיט נאַכטיקייט פאַרצויגן... אַ צעדולטער האָט ער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. ער איז געווען פאַראייַנזאַמט אין דער שרייבערישער סביבה. ס׳האָט אים צער פאַרשאַפט, וואָס מ׳מיידט אים אויס.

אויף אַן אָוונט אין יידישן קלוב האָט ער געלייענט זיינס אַ נייע פּיעסע. אַ גוטער פאָרלייענער געווען, האָבן זיינע ווערטער צעטראָגן אויפגעעפנטע פאַרבאָרגענע יידישע בענקשאַפטן, וואָס האָבן גענורטעוועט אין דער יידישער נשמה. איבערן זאַל איז דורכגעגאַנגען אַן עכאָ פונעם אויסבאַהאַלטענעם שווייגנדיקן יידישן הויכן ווײ־געשריי, וואָס איז בעתן סטאַלין־היטלער פּאַקט געווען טריף צו דערמאָנען. יידישע סאָוועטישע שרייבערס האָבן זיך פאַרדעקט מיט פאַלשע שלייערס, פאַרקליידט די וואָר דורך מאַסקעס, "מיט האַמער און סערפּ". נאָר איך – שרייבט רובינשטיין – "האָב יאָ געזען די וואָר –

מיט אַ סטאַלין־פּאָן אַ בלוטיקע, און הינטער איר – אַ פּנים אַ פּאַרטרערטער, / אַ פּנים פון אַ יידישן פּאָעט"...

יידישע פּליטים־שרייבערס וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט בערגעלסאָנען אין מאָסקווע האָבן דערציילט וועגן די מאַסקעס זיינע – יעדן טאָג אַן אַנדער פּנים... רובינשטיין, וואָס האָט ביי אים געוווינט, האָט איין נאַכט, אין אַ שפּעטע שעה, זיך צוגעהערט, ווען בערגעלסאָן האָט פאַרגעלייענט פאַר אים זיינס אַ זאַך און געזען גאָר אַן אַנדער בערגעלסאָן, וואָס האָט פאַר אַ ווייל פאַרגעסן די וואָר אַרום זיך, דורכגעלייטערט, דורכגעברענט אין די אייגענע יסורים.

געלייענט האָט ער פאַר אים וועגן אַ ייד וואָס זיצט אַליין אין אַ וואַגאָן, ערגעץ שפּעט ביינאַכט. דער חושך קוקט אַריין צו אים דורכן פענצטער און די וועלט אויף יענער זייט איז פול מיט שרעק, מיט פאַרדאַכט. און בערגעלסאָן פרעגט זיך אַליין אין דער דערציילונג: –ווּהין פאָרט איצט אַ מענטש?! ס'איז נאַכט, אַרום איז טונקל, ליידיק... אַ ליכטל ברענט... אין נאַכט פאַרוויגט, ווּהין פאָרט איצט אַ ייד?"

ריכטיק, באַטאָנט רובינשטיין, אַז ווען ס'איז דערלויבט געוועזן פריי אויסדריקן זייערע געפילן, האָבן זיי עס געטאָן ווי נאַציאָנאַלע יידן, ווי אַ טייל פון יידישן גורל, פון זיין פרייד און געוויין.

געבליבעט האָבן זיי אויף דער גרויסער אַסיפה פון די פּוילישע פּליטים־דעלעגאַטן אין מאָסקווע פאַרן אַ היים פאָרן קיין פּוילן. די מאָסקווע שרייבער־גרופּע האָט מיט נייגער זיך צוגעקוקט פון אַ זייטיק טישל צו אַ יידישער אַסיפה, וואָס זיי האָבן שוין נישט געזען איבער צוואַנציק יאָר. אַ יידישע אַסיפה, ווי אַ מאָל, מיט אַ חזן צו מאַכן די הזכרה נאָכן יידישן חורבן. אין דעם פּליטים־געוויין, האָט זיך אויך אַריינגעגאָסן דאָס געוויין פון די מאָסקווער יידישע שרייבערס. אפשר האָבן זיי שוין דעמאָלט דערשפּירט אינטואיטיוו, דעם גורל וואָס דערוואַרט זיי אין עטלעכע יאָר אַרום, און אים באַוויינט...

וויל איך מסיים זיין צו זייער 40טער יאָרצייט, מיט פּרץ מאַרקישעס פערזן אין איינעם פון זיינע לידער, ווען: "–מיט מוט געזעגנען האָט דיין טראָט"... ווי עס באַצייכנט אים דער ריכטער י.ל. סעגאַל, און ער, פּרץ מאַרקיש, האָט פאַר "ש. מיכאָעלס אַ נ ר ת מ י ד ב י י ם א ר ו ן" אויסגעוויינט דעם גרויסן יידישן צער נאָכן מאָרד איבערן גרויסן יידישן קינסטלער: –"דיין לעצטער אויפטריט פאַרן פאָלק / צווישן בראַכשטיקער מיט שניי באַשאָטן. / נאָר–אָן דיין וואָרט, נאָר–אָן דיין קול. / בלויז דיין פאַרקילטער אָטעם...

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך ניט אַראָפּ, / די לעמפּ אין זאַל זענען ניט אויסגעלאָשן. / עס שטראַלט דיין שלאָפנדיקער לייבנקאָפּ / און פון געשטאַלטן שוועבנדע – דאָס אומשטערבלעכע לשון.

"כ'וויל קומען, אייביקייט, פאַר דיין געשענדטער שוועל / מיט מאָרדצייכנס און לעסטער אויפן פּנים, / ווי ס'גייט אַרום מיין פאָלק אויף פינף זעקסטל וועלט, / געצייכנט פון דער האַק און האַס, זאָלסט עס דערקענען.

אָ, ניט פאַטויבט האָט דיך די האַנט פון מאָרד, / דער שניי האָט ניט פאַרהילט דעם מינדסטן סימן; / דער ווייַ פון די צעביילטע אויגן דיינע מאָנט, / פון אונטער וויעס רייסט ער זיך, ווי בערג – צום הימל.

גייסט ניט אַוועק פון אונדז. / דרינגסט אין אונדז נאָך אַריין טיפער מיט צייטיקייט באַלאָדן, / ווי ס'דרינגט אונטער דער וואַרעמקייט פון זון / דער זאָם אַריין אין אויפגעוועקטן באָדן".

## פּרץ מאַרקיש

* * *

פאַרגנבעט פון אונטער די בערג אַ גערויש זיך,
אַזאַ מין פאַריאָגטער געוואָי און געוויין:
–צי האָט זיך אַליין דאָרט צעיאָמערט דער חושך,
צי וויינען די בערג אין דער פינצטער אַליין?

–וואָס וויינען די בערג? איז זיי אויך דען אומהיימלעך
די שטילקייט פון הימל, די קעלט פון פאַרגאַנג?
עס שלאָגט פאַר געוויס זיך דער ווינט מיט די ביימלעך,
וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין איינזאַמען גאַנג...

און אפשר אַ מענטש דאָרטן בלאָנדזשעט פאַראייזאַמט,
און ס׳פאַלט דאָרט די נאַכט, און ס׳פאַרפאָלגט דאָרט דער ווינט...
עס גנבעט אַריין פון די בערג דאָס געוויין זיך
און, וואָיענדיק, ערגעץ אַזוי סע פאַרשווינדט...

## איציק פעפער

### פאַר וואָס?

אַזוי איז דאָס געווען,
נאָר ס׳טאָר אַזוי ניט זיין!
כ׳באַנעם עס אַלץ, ווי אָט דער בוים באַנעמט דעם רעגן.
נאָר ס׳בריט די פּיין,
וואָס האָט זיך אירע וועגן
און וואָס באַווייזט זיך מיט אַ מאָל.
זי טוט אַ שליידער דיך פון באַרג־געדריי
אין טאָל,
טוט ווידער וויי
אַזוינס, וואָס איז שוין, דוכט זיך, אויסגעהיילט
און אויסגעהוילט,
און ווידער...
און ווידער גרוילט.

כ׳האָב שוין אַליין אַזוי פיל וועגן דעם דערציילט
און כ׳פיל, ווי ס׳קילט מיין שפּראַך, מיין קול –
זיי ווערן האַרב ווי שטאָל,
ווי כ׳וואָלט שוין צוגעווינט געוואָרן
צו אַלץ, וואָס האָט פאַרלאָפן ערשט ניט לאַנג
אין אָט די שווידערלעכע יאָרן...

כ׳האָב שוין אַליין אַזוי פיל וועגן דעם דערציילט
און כ׳פיל, ווי ס׳קילט מיין שפּראַך, מיין קול –
זיי ווערן האַרב ווי שטאָל,
ווי כ׳וואָלט שוין צוגעווינט געוואָרן
צו אַלץ, וואָס האָט פאַרלאָפן ערשט ניט לאַנג
אין אָט די שווידערלעכע יאָרן...

## לייב קוויטקאָ

# דער המשך

כ׳בין אויפגעשטאַנען גאָר פאַר פרי.
כ׳האָב קוים מיט מי פון זיך אַראָפגערוקט
די שווערע נעץ פון שלאָף.
די קאָסע זון אין סאָד, די ווייניק קלאַנגען
האָבן אויפגעמונטערט מיינע קרעפטן פריש.
דער מוח לעבט. די פון נעכטן
אָפּגעהאַקטע שנור פון אומצופרידנקייט
מיט זיך אַליין פאַרקניפּט זיך ווידער.
די האַנט איז פעסט. די אַרבעט גייט.
אין מוח דלובעט דער גערעכטער
פּיקהאָלץ מיטן קופּער־שפּיץ,וואָס פּיקט:
״ווייניק מאַרך. ווייניק פלי. ווייניק
האַרץ. ווייניק עכטע ליידנשאַפט״.
דער גוף פון אינעווייניק ברענט. אַ גלאָז
מיט לויטער קילן וואַסער מינעט
אין מיין האַנט. איך שפּאַר זי אָן אין מויל, –
און אָפּגעלאָשן ווערט מיט קילן טרונק די בראַנד
פון יאַסלעס־ראַנד ביז טיפסטער טיף אין מיר.
און נאָר דער פּיקהאָלץ הערט ניט אויף
צו פּיקן זיינס.

## שמואל האַלקין

# און אַז אַן אומגליק וועט געשען

און אַז אַן אומגליק וועט געשען –
ווער וועט זיין די ניט־געטרייסטע –
דו,
און אַז מע וועט אין פרייד מיך זען –
אַלע אירע אונטערוועגן ווייסט נאָר
דו.

און אַז באַשערן וועט דער גורל
וואָגלעניש און וואַנדערן –
דו וועסט מיטגיין פון דער ווייטן,
ניט קיין אַנדערע.

און אַז די שעה, די לעצטע שעה וועט שלאָגן –
וועמען וועט מען מורא האָבן זאָגן?

פאַר וואָס זשע קומט עס דיר,
אַז צוליב לייכטזיניקן תענוג מיינעם
און זאָרגלאָז־שיכורלעכן פלוידערן
זאָלסט גאַנצע נעכט זיך פּייניקן
און לאַנגע וואָכן שוידערן?...

## משה קולבאַק

## אייביק, אייביק...

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לייכטן צו די קאַלטע שטערן...

ווו ס'איז נאָר אַ מאָל אַ מענטש געשטאַנען,
וואַלגערט זיך אין שטויב אַרום אַ שאַרבן –
די געטער שטאַרבן ניט, און מענטשן שטאַרבן!

אַן אָטעם הייבט זיך אויפעט פון די הימלען
און אויף די שטערן ווערט ער אויסגעגאַנגען,
און אייביק וועבן זיך די פאַרבן און די קלאַנגען...

עס איז אַ שמייכל שטיל די וועלט אַריבער
אין טאָג פון דעם געבוירן –
צעפינקלט האָט זיך ערד און הימל אין אַ חלום פון קאָלירן...

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לייכטן צו די קאַלטע שטערן...

מ. וואָלף

# "דער שיר המעלות פון דעם יידישן זינגפויגל שמואל האַלקין"

דער באַוווסטער קירגיזישער שרייבער טשינגיז אייטמאַטאָוו האט אָנגערופן איינם פון זיינע ווערק, וואָס באַשרייבט די יאָרן פון טראָר און שאַנד אין דעם אַמאָליקן ראַטן־פאַרבאַנד "און מער ווי אַ יאָר האָט זיך געצויגן די נאַכט". דער וימש חושך, דער חורבן פון דער יידיש־סאָוועטישער קולטור האָט זיך פאַרצויגן אויף אַ גאַנצן יובל. דאָס יאָר "1952" האָט זיך אין תוך אָנגעהויבן אין די 20־קער יאָרן פון דעם לויפנדיקן יאָרהונדערט און האָט זיך ניט פאַרענדיקט אַפילו אין 1952, ווען נאָך לאַנגע דריי יאָרן פון מערדערלעכע פייניקונגען זיינען דעם 12 אויגוסט פון דאָזיקן יאָר אָפּגעהאַקט געוואָרן די שענסטע און פרוכטבאַרסטע קרוין־צווייגן פון דעם עץ החיים פון דער יידישער קולטור.

אין דעם דאָזיקן ברען־טאָג זיינען צעשאָסן געוואָרן אַלע 24 מיטגלידער פון דעם יידישן אַנטיפאַשיסטן קאָמיטעט, צווישן זיי — די באַרימטע שרייבער דוד בערגעלסאָן, יצחק נוסינאָוו, יחזקאל דאָברושין; די פּאָעטן פרץ מאַרקיש, איציק פעפער, דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, שמואל פערסאָוו (כניט אויסגעהאַלטן די פייניקונגען איז אין דער לוביאַנקע־טורמע אומגעקומען "דער נסתר" (פנחס קאַהאַנאָוויטש).

אין די יאָרן 1948-1950 זיינען אַרעסטירט געוואָרן 431 יידישע קולטור־טוער, צווישן זיי 217 שרייבערס און פּאָעטן, 108 אַרטיסטן, 87 מאָלערס און 19 מוזיקערס. זיי, זייערע ווייבער און קינדער זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין די הרי החושך, וווּ אָן קיין שום פאַרעפנטלעכטער באַשולדיקונג און אָן אַ משפט זיינען זיי געהאַלטן געוואָרן אַ סך יאָרן אין איזאָלאַציע און אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען. נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי האָט אויסגעהאַלטן די פייניקונגען אין די טורמעס און אין די לאַגערן. נאָך ווייניקער האָבן דערלעבט ביז צו זייער רעהאַביליטאַציע, און גאָר אַ קליינע צאָל פון די לעצטע, קראַנקע, רואינירטע און האַלב־טויטע האָבן זיך אומגעקערט אַ היים.

איצט זיינען ניט אָנגערופן די ערטער, וווּ עס רוען די ביינער פון אונדזערע באַליבטע יידישע שרייבער און פּאָעטן.

איז אונדזער הייליקער חוב, באַזונדערס אין דעם 40־סטן טרויעריקן יובל־יאָר פון דער שוידערלעכער עקזעקוציע ניט נאָר אָפּצומערקן דעם זכר פון די קדושים, ניט נאָר אָנצוצינדן ליכט און זאָגן קדיש, נאָר אויך וויפל ס'איז מעגלעך אויפצושטעלן זייערע גייסטיקע און ליטעראַרישע פּאָרטרעטן.

... איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן זיך אומגעקענט אַ היים, איז געווען דער באַרימטער פּאָעט שמואל האַלקין, און פון פרוון אויפשטעלן זיין בילד ווילט זיך אָנהויבן.

---

סוף פון דייט 4

ווייסע כאַלאָטן" — איבערצולעבן די גרויסע פּראָוואָקאַציע און איר אָרגאַניזאַטאָר. זיי זענען ביים לעבן נישט רעהאַביליטירט געוואָרן, די יידישע שרייבערס און קינסטלערס. זייערע קברים זענען אומבאַקאַנט. געבליבן איז בלויז אַ זכר, אַן אָנדענק־דאַטע, און געבליבן זענען זייערע ווערק, אויסגעגראָבענע פון די קעלערן, אויף דאָס ניי צוטריטלעכע פאַר די יידן אין געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר יידן אין דער וועלט. דאַרפן מיר הייליק האַלטן אָט דעם זכר, קיין מאָל נישט פאַרגעסן די אומגעבראַכטע יידישע שאַפערס און זייערע ווערק.

און טון טו איך עס ניט נאָר דערפֿאַר ווייל איך האָב אים פּערזענלעך געקענט, ניט נאָר דערפֿאַר ווייל ער האָט פֿאַרלינדערט מיינע ווייטיקן, געלערנט און געוואָרנט מיינע ערשטע טריט איבער די שטעכיקע וועגן פֿון דער ווייניק באַוווסטער פֿאַר מיר סאָוועטישער ווירקלעכקייט. איך מוז דאָס טון קודם כל דערפֿאַר ווייל ער איז געווען דער משורר המיוחד, דער פֿרייער, פֿלאַטערנדיקער זינגפֿויגל "אין אַ ריזיקער שטייג פֿון אומגעזעענע גראַטעס" (אַ. סוצקעווער, "די גאָלדענע קייט", 1961, נומ. 39, ז' 69).

שמואל האַלקין איז געבוירן געוואָרן אין ראָגאַטשאָוו, ווייסרוסלאַנד, אין 1897. פֿון זיין מאמען, וועלכע האָט געבראַכט אויף דער וועלט 5 זין און 5 טעכטער, האָט דער קינפֿט יקער (לויט דער צאָל – דער ניינטער) פּאָעט געירשנט איר הדרת פּנים, איר ליכטיקן שמייכל און גוטהאַרציקייט. פֿון דעם טאַטן – ערלעכקייט, אַ "גוטן נאָמען", אַ טיפֿזיניקן מוסר השכל און נגינה. הויך איז געשטאַנען און זיין קינדערהיים דער קולט פֿון וויסן. זיין ערשטער לערער איז געווען זיין עלטערער ברודער, אַ קענער פֿון דער אַלט-יידישער פּאָעזיע און פֿאַרבאָרגענער פּאָעט. אָבער שמואל אַליין האָט געטרוימט ניט נאָר שרייבן לידער, נאָר ווערן אַ מאָלער. לאַנגע יאָרן האָבן זיך געראַנגלט אין אים די צוויי נטיות – ליבע צו מאָלעריי און צו דיכטונג. געלערנט זיך אין אַ מאָלעריי-שול און גלייכצייטיק געשריבן לידער. איבערגעוווויגן האָט פֿאָרט דער כוח פֿון שירה. צו דעם אויסקלייב האָבן גורם געווען די ווערק פֿון די נביאים, וועלכע ער האָט געקענט פֿון אויסווייניג און די לידער פֿון די העברעיִשע און אייראָפּעיִשע פּאָעטן פֿון פֿאַרשידענע צייטן, וועלכע ער האָט ליב געהאַט ניט נאָר לערנען, נאָר אויך דעקלאַמירן און אויסזינגען.

שרייבן לידער האָט אָנגעהויבן שמואל האַלקין פֿרי, נאָר לאַנג האָט ער ניט געוואַגט זיי דרוקן. ערשט צו 24 יאָר, אין 1921 ווערט אַנטציקט זיין קריטיקער (ר. האָפּשטיין?) פֿון זיין אַכט-שורהדיק ליד ("פֿון פֿאַרגאַנגענעם") און נאָך דעם ערשטן איבערלייענען ווענדט ער זיך צו פּ. מאַרקישן ער זאָל עס תיכף ומיד אָפּדרוקן. אין דער צווייטער סטראָפֿע פֿון דעם דאָזיקן ליד לייענען מיר:

"צוויי שטערן – צוויי נאָדלען אין הימל פֿאַרשטאָכן
באַזילבערטע בלאָטעס צעגרייזלען די זשאַבעס
און זאָל מען דעם טישטוך ניט לייגן דעם וואָכיקן
זאָל דאָ נאָך פֿאַרבלייבן אַ זכר פֿון שבת".

ווי ס'איז צו זען האָט ש. האַלקין אָנגעהויבן פֿון בהעלותך את הנכות. ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם שטאַפּל פֿון דעם מזבח פֿאַר דיכטונג בקול שירה, מיט דעם מאָטיוו פֿון שבת. אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע (1959) דערציילט שמואל האַלקין, אַז איינער פֿון די עיקרדיקע מאָטיוון אין זיין פּאָעזיע איז געווען "דער פֿיינלעכער איבערגאַנג פֿון יום-טוב צו וואָך און די שטרעבונג צו דערהויבן דעם אינדערוואָכן צו יום-טוב". זיין ליד "פֿון פֿאַרגאַנגענעם" איז בלויז אַ באַשטעטיקונג פֿון האַלקינס מבינות אויף זיך גופֿא – איינער פֿון די יסודות פֿון זיין אני מאמין. מיט דעם מאָטיוו פֿון "שבת" איז באַשיינט זיין גאַנצע פּאָעזיע.

אין 1922 פֿאָרט ש. האַלקין אַריבער קיין מאָסקווע, און פֿון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן זיין ווייטערדיקער אויפֿשטייג צו די הויכן פֿון דיכטונג. ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי לידער-ביכער ("ווי און מוט" – 1929, "קאָנטאַקט" – 1931, "ערדישע וועגן" – 1945, "בוים און לעבן" – 1958, אַ גרויסער באַנד פֿון זיינע לידער דערשיינט און רוסיש – 1958), דראַמעס ("דער קץ" –1939, "שולמית" – 1940, "בר כוכבא" – 1939, דער

"שפיל־פויגל" — 1944, "אויף טויט און לעבן" — 1948) און אויך אַ ריי איבערזעצונגען פון אַ. פּושקינען און שעקספּירן. זיין איבערדיכטונג פון שעקספּירס "קעניג ליר" איז אויפגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער (דורך ש. מיכאָעלסן) און האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

די אויסגערעכנטע ביכער האָט ש. האַלקין באַצייכנט ווי באַזונדערע עטאַפּן אין זיין שאַפן. פון זיך ווילט זיך צוגעבן אַז דאָס זיינען טרעפּלעך, וואָס זיינען אַלע מאָל געוואָרן העכער און העכער. ש. האַלקינס דיכטונג האָט במשך פון זיין גאַנץ לעבן געקלונגען אין די אויערן פון די לייענער און די צוהערער זיינע, ווי שירי המעלות פון דער יידישער דיכטונג.

עס וואָלט אָבער זיין אַ גרויסער טעות צו האַלטן, אַז דער וועג זיינער פון איין "טרעפּל" צום אַנדערן איז געווען פאַרשפּרייט מיט בלומען. פאַרקערט! זיין יעדעס לידער־בוך איז שטענדיק געווען דער רעזולטאַט פון זיין תמיד'דיקן ברען, פון זיין העפטיקן געראַנגל מיט זיך אַליין און מיט די אַרומיקע כוחות. זיין דיכטעריש שאַפן האָט זיך שטענדיק געראַנגלט מיט די, וועלכע האָבן אים געוואָלט באַווירקן, אַראָפּפירן אים פון זיין אייגענעם אָריגינעלן וועג און אַריינציען אין דעם אַלגעמיינעם "אַנעים זמירות" שטראָם, וועלכן עס האָבן בצבור פאַרפילט אַלע זיינצייטיקע פען־חברים.

ש. האַלקינס ליד איז געווען שטענדיק אַן אויסנאַם, אַ דיסאָנאַנס אין דעם אַלגעמיינעם דיכטערישן "סטאַקאַטאָ־געזאַנג". די קריטיקער (שכנא עפּשטיין, מ. אַלטשולער, מ. ליטוואַקאָוו און י. בראָנשטיין) און צווישן זיי דער עלטסטער, י. דאָברושין, האָבן ניט געוווסט ווי אַזוי זיך באַגיין מיט דעם קשה־עורף'דיקן דיכטער. זיי האָבן פּשוט ניט געקאָנט פאַרגינען ש. האַלקינען זיין אייגנאַרטיקייט און זיין איבערגעגעבנקייט דער יידישער טראַדיציע. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פרעמדן, פאַר "פון דער ווייט" געקומענעם. זיי האָבן אים געטאַדלט און באַשולדיקט אין די גרעסטע פאַר יענער צייט חטאים: — אַז דער יונגער פּאָעט גייט מיט אַן אַלטן און פאַרעלטערן נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַליסטישן קולטור־וועג, "מיט ירושה־אַנלאָדונג פון דער יעניקער קולטור־סיסטעם, וואָס איז פאַרבונדען מיט דעם גייסטיק עטישן תוך און עצם פון דעם פאַרגאַנגענעם ביי אונדז בירגערלעכן וועלט־סדר" (י. דאָברושין "סאָוועטישע דיכטונג", מאָסקווע 1935).

ניט געקוקט אויף אַזעלכע באַשולדיקונגען און מלקות פון דער דעמאָלטיקער קריטיק, האָט דער עכטער, טיף־פאַרוואָרצלטער יידישער דיכטער זיך ניט אַראָפּגעלאָזט פון זיין וועג און פאַרגעזעצט זיין אייגענעם נוסח, באַרייכערט אים מיט נייע אויסגעווייטיקטע שפּיל־פויגל־טרעלן:

"אַ יאָר נאָך אַ יאָר — און פון דורות די ברכה
וואָס האָט זיך אין לייב מיר מיט נאָדלען פאַרשטאָכן
איך האָב זיך געצווונגען, מיט אייזנס געצויגן
אויף האַרטער, אויף ניכטערער וואָגשאָל געוויגן:
וואָס נויטיק פאַרבליבן, וואָס ניט — איז פאַרטיליקט
און ס'איז נאָך דער קרבן אַלץ ניט באַוויליקט" (ווי און מוט")

ווי עס איז צו זען פון די אויבן ציטירטע שורות פאַרפעסטיקט ש. האַלקין שוין אין די ערשטע לידער זיינע טיפע אינערלעכע נשמה־איבערלעבונגען. ער איז שטענדיק פאַרכאַכט מיט שטאַרקע ליידנשאַפטן. פון דאַנען דרינגט אַרויס זיין לירישע נגינה. פון

יעדן ליד, פון יעדער פּאָעמע קלינגען אַרויס זיינע געפילן – זיינע התפּעלותן און זיינע ווייען, אויסגעאַראַנזשירטע און צונויפגעשטעלטע לויט זיין אייגענער קינסטלערישער סיסטעם. וועגן וואָס ער זאָל ניט שרייבן – וועגן ליבע, נאַטור, וועגן היסטאָרישער און נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט און אויך וועגן דעם האַרבן, דראַמאַטישן היינט, איז ש. האַלקין שטענדיק אַ ליריקער – אַ טיפער אויסדריקער פון די געהיימסטע מענטשלעכע געפילן. שמואל האַלקין איז דער ראַפינירטסטער יידישער דיכטער פון נשמה און האַרץ־לידער.

"ווען ניט דאָס וואָרט, וואָס שטיל פון האַרץ צו האַרץ גייט איבער,
וואָס פאַר אַ זין און ווערט וואָלט האָבן דאָס וואָרט"
(דער וידוי פון סאָקראַט)

דעם מענטשלעכן וואָרט היוצא מן הלב והנכנס אל הלב האָט דער דיכטער געשענקט זיין אוצר זינגעוודיקע לירישע לידער. די לירישע ציקלען פון זיין "ליבע בוך" קאָנען אָפּגעשאַצט ווערן ווי אַ לירישער ראָמאַן אין דער טראַדיציע פון "שיר השירים". זיי פאַרכאַפּן דעם לייענער מיט דעם טריומפירנדיקן געפיל פון האַרצן.

"טייערע מיינע, האַרציקע מיינע
אָט ווי דו זעסט, גיי איך אום און טענה'ע
טייערע מיינע
האַרציקע מיינע.
שוין זשע אַ סוף איז? שוין זשע פאַרענדיקט?
שוין זשע אויף קיין מאָל שוין מערער ניט זען דיך?
דיך און דיינע שיינקייטן, ריינקייטן דיינע
טייערע מיינע, האַרציקע מיינע
אפשר וועסטו קומען באַווייזן זיך ווידער?
קומען אין בליץ און אין היץ פון די לידער,
לידער וואָס זיינען מער דיינע ווי מיינע,
טייערע מיינע
האַרציקע מיינע".

ש. האַלקין איז אַ זעלטענער מייסטער פון אַנטפּלעקן די איידלסטע געפילן פון האַרצן. און טאַקע מיט דער האַרציקייט פון זיין ליריק האָט ער אַזוי שטאַרק געווירקט אויף זיינצייטיקע יידישע, און ניט נאָר יידישע סאָוועטישע ליריקער.

ש. האַלקין פאַרבלייבט אין אונדזער זכרון ווי דער מייסטער פון קלאַנגען און געזאַנגען. זיין געהער נעמט אויף די קלאַנגען פון דער נאַטור, פון זיין סביבה. און פון אָט די סטיכעישע קלאַנגען שאַפט ער זיין אייגענע שירי המעלות, אַ נייע סימפאָניע, נייע אָראַטאָריעס אָנגעפילטע מיט קלאַנגען – קונסט.

"לייג צו דעם אויער צו דער הוילער ערד
ווי שווער זיך דרייט די ערד – האָסטו געהערט
לייג צו דעם אויער צו מיין האַרצן – הערסט,
דאָרט קוועלט,
דאָרט דרייט זיך אויך, דאָרט גרייט זיך אויך
אַ נייע וועלט".

פון דעסט וועגן איז דער גרונט־מיטל פון אויפפּאַסן און פאַרקערפּעירן

לעבנס־דערשיינונגען אין האַלקינס שאַפן ניט דער קלאַנג, נאָר דאָס בילד, ניט דער חוש־השמיעה, נאָר דאָס אויג. ש. האַלקינס ברייט צעעפנטע אויגן זאַפן איין אין זיך אַלע פאַרבן, אַלע שאַטירונגען פון דעם רעגן־בויגן, פון די קווייטן און פון די הימלען. און מיט זיי שילדערט און מאָלט דער קינסטלער זע־געשטאַלטן. די לעצטע זיינען די הויפט־אינסטרומענטן מיט וועלכע דער דיכטער שאַפט זיינע מאָזאַיקעס, זיין ווונדערלעכע וועלט.

אַפילו די ליבע געפילן אין ש. האַלקינס לידער ווערן אויסגעדריקט דורך אויגן־בליקן:

"די בליקן אונדזערע זיך קרייצן איבער
מיט יעדער אויגן־בליק דו ווערסט מיר ליבער
(...) די אויגן, די בליקן, ווי געפאַנגענע זיך טרעפן".

ש. האַלקין קוקט אויף דער וועלט מיט די אויגן פון אַ מאָלער (עס אויז זיכער ניט צופעליק געווען זיין אינטערעס צו מאָלעריי אין דער יוגנט). לייענענדיק ש. האַלקינס לידער, קומט מען אומפאַרמיידלעך צום געדאַנק, אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ דיכטער, ביי וועלכן דאָס וואָרט איז שטענדיק פאַרבונדן מיט פאַרב, די געדאַנקען ווערן אויסגעדריקט מיט דער הילף פון שיין און ליכט.

"אָט דער שטערן איז מיר טייער
פאַר דער ריינקייט פון זיין פייער
פאַר זיין קומען צווישן הונדערט,
פאַר זיין לייכטן זיך באַזונדער
און דערפאַר, וואָס גאָר זיין שיין
אין איין טראָפּן שליסט ער איין."

דורך דער טעמע פון שיין דריקט אויס דער דיכטער אין ליד די שלמותדיקייט פון זיין גלויבן, זיין גרינטלעכע אויפפאַסונג פון זיין וועלט־באַוווסטזיין.

אַ באַזונדערן ציקל שטעלן מיט זיך פאָר די אייגנאַרטיקע, צאַרנדיקע און טרייסטנדיקע לידער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין די מלחמה־יאָרן. אין זיי נוצט אויס דער דיכטער די ווערטער פון די נביאים, די ביבלישע העלדן, און ווי אין אַלע אַנדערע פאַלן בלייבט ער דער שפּיל־פויגל, דער בעל תפילה און דער באַווייַנער פון אונדזערע קדושים, פון אונדזערע קרבנות. גענוג צו דערמאָנען דאָס באַוווסטע ליד "טיפע גריבער, רויטע ליים".

שמואל האַלקינס שלמותדיקייט, דאָס ניט קענען "צעצווייען" זיך, זיין איבערגעגעבנקייט דער יידישער טראַדיציע, דעם יידישן פאָלק – זיין טראַגישן היסטאָריע־מאַרש; צוזאַמען מיט די אָנגרייפן, מיט די שטעכנדיקע "נאָדלען", מיט וועלכע זיינע קריטיקער פלעגן אים שטעכן, האָט ניט געקאָנט זיך פאַרענדיקן מיט גוטס. נאָך אין 1923 האָט דער דיכטער מיט זיין נבואה'שן חזון אויסגעזונגען אַ ליד, וואָס איז מקוים געוואָרן מיט 25 יאָר שפּעטער:

"ניט באַשערט אייך געווען ביז היינט
זען אונדז אויסגיין אונטער ווילדער ירושה –
און איצטער מיר גייען אין שפּאַן
און שטאַרבן פון אייערע קושן.
קיינער פאַרנעמט ניט די פּיין פון פאַרגיין
קיינער זעט ניט ווי פאַרביקער בויגן סע פיבערט –
אוי, ווען אַ נס טרעפט מיט מיר כאָטש אַליין –

איך זאָל ווי אַ פֿויגל די שעה אַריבער".

אין 1948־טן יאָר איז ש. האַלקין צוזאַמען מיט די אַנדערע הונדערטער סאָוועטישע שרייבער און פּאָעטן פֿאַרשווונדן געוואָרן. נאָך זיבן יאָר קאַטאָרגע האָט אים "אָפּגעגליקט", און אַ געפּערלעך קראַנקער "שוין אָן אַ האַרץ" האָט ער זיך אומגעקערט אַ היים. נאָך דער באַפֿרייונג האָט דער שפּיל־פֿויגל פֿאַרלוירן זיין צערטלעכן קול. ווי די אַנדערע ניצל געוואָרענע האָט ער שוין ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך דרוקן אין יידיש. ער האָט געקאָנט זיך נאָר טרייסטן מיט די טורמע־לידער, וועלכע ער האָט געשריבן מיט בלוט פֿון זיין קראַנקן האַרץ און פֿאַרקריצט זיי אין זכרון. אייניקע פֿון זיי זיינען ניט לאַנג פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. פֿון זיי הערן מיר האַלקינס פּיין און זיין אומבאַהילפֿיקן צאָרן:

..."ווייל ניט דערווערבן שוין. ווייל ניט דערגרייכן,
ווייל ניט איבערלעבן שוין מער דער שוווּנג
אין דעם, וואָס לעבט אונטערן שוואַרצן צייכן
און ס'הענגט זיין גורל אָפּ פֿון עמעצנס אַ ווונק
וואָס שפּירט אים נאָך אויף אַלע זיינע וועגן,
אויך דאָ אין אָפּגרונט פֿינצטערן... און דאָך –
איך הייב דעם קאָפּ נאָך אויף דעם טאָג אַנטקעגן,
און ס'טרעפֿט באַנאַכט איך שלעפֿער איין מיין בראָך
און כ'זע, דאָס פֿאָלק זיך פֿרייט נאָך מיט זיין דיכטער,
און צו זיין ברוסט זיך טוליען פֿרוי און קינד...
ניין, ניין – איך האָב זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט,
איך בין נאָך אַלץ, ווי אַלע בלינד".
("ווייזט אויס איך בין נאָך בלינד")

די פּערזן, ווי אַ סך אַנדערע זיינען פֿאַרפּאַסט געוואָרן און פֿאַרקריצט געבליבן אין ש. האַלקינס זכרון אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דעם וייטן צפֿון, אין דעם שטעטל אינטאַ.

אין די זעכציקע יאָרן, צוזאַמען מיט דעם אומקערן זיך פֿון די צעשעדיקטע שרייבער און פּאָעטן און זייער רעהאַביליטאַציע האָט די וועלט זיך דערוווּסט פֿון דעם שוידערלעכן גענאָציד, וואָס די רוצחים האָבן אויסגעפֿירט קעגן דער יידישער קולטור און קעגן דער יידישער באַפֿעלקירונג. עס האָבן זיך געהערט אַלץ מער פּראָטעסטן און פֿאָדערונגען צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַלע מאַטעריאַלן אויפֿן סמך פֿון וועלכע עס זיינען צעשאָסן געוואָרן די 24 אָנפֿירער פֿון דעם יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און בתוכם די אויבן דערמאָנטע שרייבער און פּאָעטן. אין יענע אומשטענדן ווערט אָפּגעשפּילט נאָך איין מאַסקאַראַד. די סאָוועטישע רעגירונג באַלוינט ש. האַלקינען מיט אַן אָרדן און דער מאָסקווער שרייבער־פֿאַריין באַשליסט אָפּצומערקן זיין 60־יאָריקן יובל.

בעת דעם זעכציקן פֿאַרס איז שוין דער בעל יובל געווען זייער קראַנק און האָט... געשוויגן.

די "נאָרלען" האָבן אַלץ מער אַריינגעדרונגען אין דעם נאָכטיגאַלס האַרץ. ער איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און דעם 21־טן סעפּטעמבער 1960 האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

אויף אייביק זיינען אָבער פֿאַרבליבן זיינע פּרעכטיקע לידער, זיינע דערהויבענע שירי המעלות.

פּאָרטלאַנד, 17־טער, יולי 1992

מאיר חרץ / ירושלים

## גורל

דיין נבואה האָט מען אָנגענומען,
מיין נבואה איז געוואָרן מקוים,
איצטער ביסטו נאָך אַ מאָל געקומען
מיט אַ שפּאָגל־נייאינקער נבואה,
וואָס וועט ווידער אָנגענומען ווערן,
וואָס וועט ווידער נישט מקוים ווערן
און מע וועט אויך דאָס מאָל מיך נישט וועלן הערן.
(ירושלים, 16־טער פעברואַר, 1992)

## אַן אויפשטאַנד

אַן אויפשטאַנד פון מאַטראָסן אויף אַ זינקענדיקער שיף
אַקעגן אַלטן גראָען קאַפּיטאַן ביים רודער.
בראש פון אויפשטאַנד פון מאַטראָסן־קאָלעקטיוו
געשטאַנען איז דעם קאַפּיטאַנס אַ ברודער.

שוין יאָרן ווי די קנאה צווישן זיי,
פון צווייטן צו דעם ערשטן האָט געפלאַקערט,
שוין יאָרן ווי די שנאה ביי די צוויי
האָט זיך געפּרעגלט און געבראָטן אַלץ געשמאַקער.

נאָר איינס דאָס צווייטע האָט נישט צוגעלאָזט
זיך צורירן צום געשמאַקן ביסן.
דער סוף פון אָט דער מעשה ווילט איר וויסן, וואָס?
די שיף האָט זיך געטראָנקען אָן די ברידערס וויסן.
(ירושלים, 12־טער פעברואַר 1992)

## די קרומע וועגן

די קרומע וועגן האָבן אויכעט זייערע וועגווייזער
צעשטעלטע אויף די ראָגן ביי די שענקהייזער.
דאָרט לאָדט מען אָן זיך פאַרן ווייטער פאָרן
מיט ברענשטאָף צו דערוואַרעמען דעם צאָרן
אויף אַלץ, וואָס גלייך און קלאָר און אויף דער האַנט איז,
אויף אַלץ, וואָס קלוג און שיין און אימפּאָזאַנט איז,

אויף אַלץ, וואָס אויפֿן גלייכן וועג איז צו דערגרייכן
און אָן אַ פֿאַלשן וועגווייזער, אָן אַ מינדסטן צייכן,
וואָס ער פֿאַרדרייט דיין וועג צון אַלדע רוחות
אומזיסט־אומנישט און אויפֿן חשבון דער מלוכהס.

(ירושלים, 5־טער מערץ 1992)

## וואָס ביסטו, זאָג איך, אויסן

וואָס ביסטו, זאָג איך, אויסן
מיט דיין באַטראַכטן מיך,
די לאַטעס פֿון מיינע הויזן,
דעם שמייכל פֿון מיינע שיך?

דעם אומרו פֿון מיין היטל
אויף מיין צעדרייטן קאָפּ,
וואָס קוקסטו אַזוי מיט ביטול
אויף מיין גאַרדעראָב?

וואָס קוקסטו מיר אויף די אַרבל
פֿון פֿאַרשידענער לענג
און ווי מיט קנייטשן, קאַרבן
דאָס רעקל אויף מיר הענגט?
וואָס גלעטסטו מיר דאָס פּנים,
צי איז עס גלאַז ראַזירט?
צי האָב איך ביי נאַכט בכוונה
מיט לבנה עס נישט פֿאַרשמירט?

צי האָב איך נישט בכוונה
די אויגן מיר אויסגעקרומט
צו זען אַ רונדע לבנה
די זעלבע אומעטום?

וואָס מיינסטו זענען כמאַרעס?
לאַטעס אויפֿן ליכט,
דאָס זענען די זעלבע לאַטעס
מיט וועלכע מע פֿאַרריכט
הויזן, אַרבל און שיך.

וואָס ביסטו, פֿרעג איך, אויסן
מיט דיין באַטראַכטן מיך,
די לאַטעס פֿון מיינע הויזן,
דעם שמייכל פֿון מיינע שיך?

(ירושלים, 18־טער מערץ, 1992)

**מכוח אַלע געשעפֿטלעכע און פֿינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פֿינאַנץ סעקרעטאַר:

**NATHAN STEINMAN**

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

Phone: (213) 820-2976 **פֿאַרוואַלטונג "חשבון"**

שירה גאָרשמאַן / אשקלון

## געזעגענונג

(מיניאַטור)

בייזיין ווי די געזעגנונג פאַרלויפט זיך איז זייער באַנגלעך. די קורצע אַזוי לאַנגע ביז דער טאָג הויכט אויס די שיין, די נאַכט, גרייפט אָן, דעקט צו אַלע פּרטים, די שטערן שיטן זיך אויס און די לבנה גאָרנישט צו באַנעמען, פאַרוואָס זי שיינט אַזוי. וואָס קוועלט זי? ניט שוין זשע ווייסט זי ניט, אַז מענטשן האָבן באַטראָטן איר גרונטלאָזן וויסטן פלאַך. ניט אומזיסט איז דאָך איינער אַראָפּ פון זינען. זי גלאַנצט פול נחת. די נאַכט פאַלט דאָ צו גיך, דער טאָג קומט שפּעטלעך. ס'איז מיר גוט און וויל, וואָס איך בין ניט אויף דער לבנה, אין עמק הירדן, אין קיבוץ "בית זרע" בין איך. ביי טאָג האָב איך אַלץ געזען ווי דער אַזוי שאָרנפולער ווינטער האָט געגעבן דעם פרילינג די עסטאַפעטע.

וואָס, וואָס נאָך קאָן דער פרילינג ווייזן? די לופט ווייסט ניט וווהין זי זאָל אַהינטאָן אַלע אירע אַראָמאַטן, אַלץ וואָס בליט ווייסט, אַז די צייט לויפט גיך אַוועק, די רויזן ווייסן דאָס אויך. זיי זענען אַזוי אַלערהאַנטיק, ניט אויסצורעכענען אַלע שאַטירונגען פון קלאָר־ווייס ביז בלוט־רויט. די נאַסטורציעס האָבן פאַרגעסן ווו זיי זיינען איינגעוואָרצלט און האָבן זיך אַריבערגעוואָלגערט אַזש אויף דער לאַנקע. ניט געקאַרגט קיין ריח און קיין בליונג. מער פון אַלץ רירנדיק זיינען די אַלע בלימעלעך, וואָס קיינער האָט זיי ניט פאַרזייט און ניט געכאַליעט. פון דעם אַ מאָל איז צו געדענקען איינציקע בלאָע קווייטלעך, וואָס פינטלען פון צווישן די זאַנגען, און דאָ אַ גאַנצער געזעמל פון די קאָרנקווייטלעך, וואָס שפּרייטן בלאָקייט צופוסנס פונעם נעכטיקן פיקוס־בוים. אַלץ איז אַזוי פאָלגעוודיק, ווידערשפּעניקט ניט דער נאַטור, דער גאַנצער אַרום איז אין קלעם פון דער פּראַכט.

וואָס הערט זיך מיט די פייגל? חוץ די שפּערלעך זיינען אַלע צעדולט, מע פליט הין און הער, מע רוט זיך אָפּ, זיך וויגנדיק אויף אַ צווייג. מע הייבט זיך אויף צעטומלט און מע פלאַטערט אַזוי מיט די פליגל, ווי זיי וואָלטן געוועןן אַנטליענע. ווי מע רופט זיי ווייס איך ניט.

איך האָב דאָך געדייט אין תחום. אַלע ביימער זיינען געוועןן ביימער. אַלע פייגל האָט מען גערופן פייגל. אַלע בלומען זיינען געוועןן בלומען. די אין "בית זרע" ווייסן אַלע ווי מע רופט אַלע מינים באַזונדער.

זאָל אייביק אַזוי זיין. אמן ואמן.

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט און די מערב-שטאַטן פון אַמעריקע

אַנאָנאַמענט: $8.00 אַ יאָר

לילי בערגער / פּאַריז

# דער בעל־יובל מיט זיך אַליין
## (דערציילונג)

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פריער ווי געוויינלעך. פרי זיך אויפכאַפּן איז אירע אַ שטענדיקע טבע. זי ווייסט, אַז ס'איז נישט אין גאַנצן נאָרמאַל. ביי פרויען איז דער שטאַרקסטער שלאָף אין די ערשטע פרימאָרגן־שעהן. נאָר וועלכער מענטש האָט עס נישט עפּעס אַן אַנאָמאַליע?

אַז ליזע שלאָפט אָבער איין שפּעט, פאַרשלאָפט זי אין דער פרי, דער שלאָף נעמט זיך אָפּ זיינס. דאָס מאָל איז זי איינגעשלאָפן גאָר שפּעט. אין מוח האָט זיך געדרודערט. זי האָט נישט געקאָנט איינשטילן די צערודערטקייט. אירס אַ מיטל איינצושלאָפן איז ציילן, האָט זי געפּרוווט ציילן, עטלעכע מאָל אַפילו ביז טויזנט. ס'האָט דאָס מאָל נאָך מער זי צעשטריט. ווען און ווי אַזוי זי איז איינגעשלאָפן געדענקט זי נישט, אָבער נישט אויף לאַנג.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט זון־אויפגאַנג. דורכן אָפענעם פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו מזרח, זענען אַריינגעפלאָסן די ערשטע גאָלדענע זון־שטראַלן, געוואָרפן זיך אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, ווי ליכט־רעפלעקטאָרן. דער לויטערער הימל, וואָס קוקט אַריין דורכן פענצטער, זאָגט אָן אַ זומערדיקן הייסן טאָג.

ליזע וויל נאָך נישט אויפנעמען דעם טאָג. דער קאָפּ איז שווער, אין די ביינער, אין גאַנצן לייב שטעקט נאָך דער נישט אויסגעשלאָפענער שלאָף. זי פאַרמאַכט די אויגן, דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, ציט איין די אויסגעצויגענע פיס, קאָרטשעט זיך איין, ווי זי וואָלט אַריינגעקראָכן טיף אין זיך. אַזוי איז איר שטענדיק לייכטער איינצושלאָפן. זי טרייבט פון זיך די צעריסענע געדאַנקען, וואָס קריכן אין קאָפּ, זי וויל צומאָל נישט אַ קוק כאַפּן אויפן האַנט־זייגערל. זי דאַרף שלאָפן. זי מוז. איר איז נויטיק שלאָף ווי אַ הונגעריקן שפּייז, זי וועט זיך צווינגען איינצושלאָפן, ווי עמעצער, וואָס פאַרלירט דעם אַפּעטיט צווינגט זיך צו עסן.

אומזיסט. דער מוח וויל בשום אופן נישט רוען. ס'האָט דאָרט שטאַרק אָנגעקלאַפּט: געבורטס־טאָג!!

אַזוי פיל געבורטס־טעג געהאַט און קיין מאָל נישט געווען אַזוי צענומען. אָבער קיין מאָל נאָך נישט געהאַט קיין 50 יאָר. ווען זי איז אַ יונג מיידל געווען, האָט זי געמיינט, אַז אַ מענטש פון 50 יאָר איז אַן אַלטער מענטש. היינט נישט. פילט זי דאָך זיך נאָך יונג, איר דוכט, אַז זי טראָגט נישט אין זיך די 50 יאָר.

ניין, זי פילט זיך נישט ווי אין איר עלטער, פאַרקערט, אין א סך הינזיכטן זעט איר אויס ווי זי וואָלט ייִנגער געווען ווי מיט צען־פופצן יאָר צוריק. "אַ מענטש האָט אַזוי פיל יאָרן וויפל ער פילט אין זיך, און נישט וויפל ער האָט אין דער ווירקלעכקייט". אַזוי זאָגן די פראַנצויזן.

זי האָט נישט ליב צו רעדן וועגן איר עלטער. ווען ס'טרעפט, מען פרעגט זי וויפל זי איז אַלט, מאַכט זי זיך נישט הערן. זי האָט קיין מאָל נישט ליב געהאַט אויסצוזאָגן איר עלטער. פוסטקייט? פאַרוואָס זאָל דאָס זיין צוליב פוסטקייט? וואָס דען? אַ ווייבערישע טבע אַזאַ? זי ווייסט נישט. זי, ליזע, ווייסט נאָר איינס אויף זיכער: זי רעדט זיך שטענדיק איין, אַז זי איז ייִנגער ווי זי איז, אַפילו ווען זי איז גאָר יונג געווען. אפשר אַ טעות אין

דער מעטריקע? סתם צו וואָס אויסזאָגן די עלטער ווען וואָס ייִנגער מען איז, אַלץ מער עפּעס זיך אומעטום פֿאַר דיר די טירן.

איר אַלטער פֿרײַנד האָט אַן אַנדער מיטל צו זײַן יונג און ער באָט דאָס מיטל אויך איר אָן:

– נעם זיך אַרײַן אין זינען, אַז דו ביסט ייִנגער ווי דו ווערסט זײַן אין צען יאָר אַרום. און אַ סך מער ייִנגער ווי אין צוואַנציק יאָר אַרום.

יעדעס מאָל, ווען ס׳קומט צו רייד וועגן עלטער, גיט ער איר די זעלבע עצה. ער האָט זיך צומאָל פֿאַרגאַלאָפּירט און איר אויסגערעכנט, אַז זי איז היינט מיט דרײַסיק יאָר ייִנגער, ווי אין דרײַסיק יאָר אַרום.

ניין, ניין, זי וויל נישט אַזאַ טרייסט. זי מעסט סתם די עלטער מיט אַן אַנדער מאָס, נישט בלויז מיט יאָרן. זי, ליזע, דערמאָנט זיך אין צײַטן, ווען ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז זי לעבט שוין זייער, זייער לאַנג, אַז זי איז אָנגעשטאָפּט ביז האַלדן מיט ביטערע יאָרן. און ווּיפֿל מאָל האָט זיך איר געדוכט, אַז זי איז נאָך גאָר־גאָר יונג, אַז זי וועט נאָך אַ צעשפּרייט טאָן די פֿליגלען, אַז זי וועט נאָך... זי וועט... ניין, דאָס זענען נישט קיין שטימונגען, אַזאַ געמיט־צושטאַנד ווערט באַשאַפֿן דורך סיטואַציעס, פּאַסירונגען. פֿון דעסטוועגן וויל זי, ליזע, מעסטן אי די עלטער, אי בכלל דאָס לעבן מיט עפּעס אַן אייגענער מאָס.

50 יאָר! ווי האַלט זי אין דער וועלט? וואָס פֿון אירע טרוימען רעאַליזירט? וואָס אויפֿגעטאָן? וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון אַלע אַמפּערנישן? גאָרנישט! אָפֿט מאָל דוכט איר, אַז זי האָט דאָס גאַנצע לעבן געבלאָנדזשעט. נישט געווען קיינער ווער ס׳זאָל העלפֿן אָפּגעפֿינען אַ וועג, וואָס זאָל ווײַזן דורך וואַנען און ווי אַזוי. אַליין האָט זי אויך נישט געוווסט ווו אײַן און ווו אויס. זי האָט אַלץ געפּרוווט: געאַרבעט ביי אַלע מלאכות און דערנאָך זיך געפּאָרעט מיט אַלע צווײַגן פֿון קונסט, נאָר אַלץ האָט איר פֿאַרשטעלט, אַלץ איז אײַנגעשלונגען געוואָרן דורך אַזאַ הייסן דראַנג צו היילן די ווונדן פֿון דער וועלט.

קליינערהייט האָט זי זיך געלערנט שפּילן פֿידל. די עלטערן איז דאָס נישט געפֿעלן. שטיין מיטן פֿידל, אָנגעשפּאַרט אונטער דער גאָמבע און פֿירן מיטן סמיטשעק! ס׳איז נישט פֿאַר קיין מיידל. ס׳איז צו מאַנסבילש. אָבער פֿון איר מוזיקאַלישן טאַלאַנט האָבן זיי פּאָרט געהאַלטן. טאָ זאָל זײַן קלאַוויר. ס׳פּאַסט מער פֿאַר אַ מיידל. שפּילן קלאַוויר איז כמעט אַ שטיקל נדן.

זיי זענען צו אָרעם געווען צו קויפֿן אַ קלאַוויר. אַ פֿידל, אַ קלאַק, האָט געלאָזט דער עלטסטער ברודער. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, דאָרט וועט ער קויפֿן אַ נייעם. ווען ער האָט זיך צעשיידט מיט דער היים, האָט ער זיך אויך צעשיידט מיטן אַלטן, קלאַקעוואַטן פֿידל.

די "משוגענע פּריצטע", ווי מ׳האָט גערופֿן די אלמנה נאָכן אַפּטייקער, האָט ליב געהאַט הינט, קעץ און שפּילן קלאַוויר. זי האָט אַ סברה מיט מער געניטקייט געפֿלעגט די הינט, געניאַנטשעט די קעץ, ווי געשפּילט, אָבער פּאָרט געשפּילט קלאַוויר. איר מאַן, דער גוייִשער אַפּטייקער, איידער ער איז געשטאָרבן, האָט איר פֿאַרזאָרגט אויף אַלע יאָרן. זי איז געווען זייער קונהטע. די מאַמע האָט איר צוגעשטעלט אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפֿט פֿון געוועלבל, גלייך אין שטוב אַרײַן. האָט זי לייכט געפּועלט ביי איר זי זאָל לערנען די טאָכטער קלאַוויר. 4-3 שעה אין טאָג אָן איבעררייס איז ליזע געזעסן שטייף ביים קלאַוויר. זי איז געזעסן צוגעשמידט צו דער טאַבורעטקע אַזוי לאַנג ווי די "פּראָפּסאָרין" האָט חשק געהאַט זיך צו פֿאַרווײַלן מיט פּעדאַגאָגיק און אויסגעשטאַנען דער משוגענער פּריצטעס

אַלע משוגעתן. זי, די פּריצטע, האָט פון מאָל צו מאָל זיך אויסגעצויגן אויף דער קאָזעטע, ליזע האָט געמוזט קלאַפּן מיט די פינגער איבער די קלאַווישן. ס'האָט געהייסן – מאַכן איבונגען. זי האָט דעם קלאַוויר פיינט געקריגן אימת־מות און צוליב דעם אויך דעם פידל. ווען זי האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, האָט זי צו אַלעמען און אַלץ געבענקט, נאָר נישט צום קלאַוויר און נישט צום פידל.

דערנאָך, שיינע עטלעכע יאָר וואַרשע. די גימנאַזיע. די בוידעם־שטיבלעך. די הונגעריקע טעג און קאַלטע נעכט. דער מאַמען האָט זי געשריבן, אַז זי פאַרדינט כמעט אויף אויסהאַלטונג מיט לעקציעס. וויפל צענדליקער תעניתים אין יאָר האָט זי געפאַסט? אָבער באַלד נאָך דער מאַטורע איז זי איבערגעגאַנגען אויף מלוכהשער אויסהאַלטונג אין תפיסה. אָפּגעקומען בלויז מיט איין יאָר. די עלטערן האָבן געוויינט און געקלאָגט. זי אָבער: "וואָס פאַרשטייען זיי"? אַ פאַרלוירן יאָר? יאָ, פאַרשפּעטיקט מיט אַ יאָר אויפן אוניווערסיטעט, דערפאַר רייפער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן...

פאַרוואָס האָט זי זיך פּלוצלינג אַריינגענומען אין קאָפּ מעדיצין? זי האָט דאָך געזאָלט שטודירן געשיכטע. צי נישט צוליב די קראַנקע קינדער אין יתומים־הויז, ווו זי האָט געאַרבעט בעת די לעצטע זומער־פעריען? זי האָט זיך צוגעאיילט און געשיקט די מאַטורע אויף דער סאָרבאָנע, אַ ברודער אין פאַריז, כמעט נאָך א גרינער, זיך נעבעך נישט אַרויפגעאַרבעט אויף אַ לייטישער וווינונג, נאָר פאָרט אַ ברודער, האָט צוגעזאָגט איר צו העלפן. פּלוצלינג דער בריוו: ער שטעלט אַ באַדינג, דער ברודער: אָפּזאָגן זיך פון פּאָליטיק. ער איז אַן אויסלענדער, וויל נישט צוליב איר אַרויסגעשיקט ווערן, און אַז מען וויל שטודירן מאַכט מען נישט קיין רעוואָלוציעס. זי האָט לאַנג נישט געטראַכט, געענטפערט קורץ און שאַרף: מוחל טובות, אַ טובה מיט אַ תנאי איז קיין טובה נישט. זאָל ער אַרויסציען און צוריקשיקן די מאַטורע.

אַ צווייט יאָר פאַרלוירן. דאָס אַקאַדעמישע יאָר אויפן אָרט פאַרשפּעטיקט. נאָך גוט וואָס ס'האָט איר צוגעגליקט און באַקומען אַרבעט. אַ "קאָנדיציע". מ'איז איר מקנא געווען דעם פּאָסטן - 14-12 שעה אַ טאָג מיט צעפּעסטעטע, צעבאַלעוועטע קינדער. בלויז איין פרייער טאָג אין חודש. זי האָט אָבער אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט און אַוועק קיין ווין, אָנגעהויבן שטודירן פּעדאַגאָגיק. מעדיצין דויערט צו לאַנג. און אפשר איז פּונקט אַזוי נויטיק צו דערציען ווי צו היילן מענטשן? זי וואָלט דעמאָלט באַשטאַנען אויף ביידע, נאָר זי האָט געמוזט אויסוויילן. טאָ זאָל זיין פּעדאַגאָגיק. צו דעם דאַרף מען אויך עטלעכע יאָר פאַרדינען אויפן לעבן. זי האָט באַקומען דורך באַקאַנטע אַ נאָך־מיטאָג באַשעפטיקונג ביי הויז־ווירטשאַפט.

ס'איז געווען די פּאַסיקסטע באַשעפטיקונג צו קאָנען שטודירן. צו וואָסער טייוול איז זי אַוועק אין אַ פאַבריק? פּראָלעטאַריזירן זיך. האָט זי זיך מער פּראָלעטאַריזירט ווי שטודירט. אין ערגעץ לאַנג דאָס אָרט נישט דערוואַרעמט, פון איין פאַבריקל אין אַ צווייטס, און צום סוף צווייטן יאָר ערשט באַלייגט די ערשטע עקזאַמענס. זי וואָלט דאָך דורכגעבראָכן, וואָלט מסתמא פאַרענדיקט שטודירן, איז אָבער אונטערגעקומען דער "אַנשלוס", דער היטלער־געשפּענסט האָט געטריבן, געיאָגט פון לאַנד צו לאַנד. זי איז אַריין אין דער קאַטעגאָריע "פּליכטלינגע". ווען איז שוין דעמאָלט געלעגן אין קאָפּ דאָס שטודירן? מיט וואָס זענען אַוועק יענע יאָרן? זי ווייסט אַליין נישט, כאָטש זי איז אויך דעמאָלט פאַרקאָפּעט געווען איבערן קאָפּ מיט... מיט וואָס?

צום קלאָרסטן האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון די מלחמה־יאָרן. פינצטערע יאָרן און

דאָך איז אין קאָפּ געווען ליכטיק, אין האַרצן, נישט געקוקט אויף אַלץ, אַ גרויסער גלויבן: "דאָס מאָל וועט עס אַ סוף נעמען, מ'וועט לסוף אָפּרייניקן די וועלט פון אַלע מינים מענטשלעכע שרצים". מ'האָט איר דעמאָלט איינגערעדט, אַז זי האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא. צי האָט זי באמת נישט מורא געהאַט, ווען זי האָט זיך געלאָזט דורך באַדראָטע וועגן מיט אַ וואַליזקע גראַנאַטן, וואָס זי האָט געדאַרפט ערגעץ צושטעלן? און ווען זי האָט אין איר געהיימער דירה געהאַלטן פאַרשידענע מינים געווער? און דערנאָך אין וואַלד? אַ צופאַל האָט זי אַלע מאָל אָפּגעראַטעוועט. מ'האָט עס צוגעשריבן איר בריהשאַפט, איר אומדערשראָקנקייט. נישט אמת, צום גרעסטן טייל געראַטעוועט זיך דורך אַ צופאַל. מורא געהאַט פאַרן טויט האָט זי יאָ, שטאַרק מורא געהאַט נישט אַריינצופאַלן אין זייערע נעגל. בעת אַן "אַקציע" האָט דאָס האַרץ געזעצט ווי מיט האַמערס, נאָר זי האָט אַרויפגעצויגן אַ רואיקע מאַסקע אויף זיך, געווען געלאַסן, "אומדערשראָקן". זי האָט אַזוי געוואָלט איבערלעבן, דערלעבן דעם סוף. ס'וועט זיין אַן אַנדער וועלט, מ'וועט ערשט וויסן ווי אַזוי צו לעבן.

ליזע האָט זיך אויסגעצויגן, אויסגעגלייכט די גלידער. זי וועט שוין סיווייַ נישט איינשלאָפן. ס'האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אירע אויגן עפּעס אַ מין טעלעסקאָפּ, צווינגט זי אַריינצוקוקן, צו זען דורכלויפנדיקע בילדער. זי האָט זיי שוין לאַנג נישט געזען, זיי זענען אָפּגערוקט געווען ווייט. איצט האָבן זיי זיך דערנענטערט. זיי לויפן דורך פאַר אירע אויגן, דרייען זיך ווי אין אַ חלום. אין האַרץ נאָגט עפּעס אַזוי שטאַרק. פאַרוואָס? איז דאָס צוליבן פאַרדרוס אויף זיך גופא, דאָס געפיל פון אַ נישט אויסגעלעבט, צעטרענצלט לעבן?

זי פּרוּווט זיך טרייסטן: נישט אַלץ דאָך צעטרענצלט, אַ סך זאַכן וואָלט זי היינט איבערגעחזרט, אויב מ'וואָלט געדאַרפט. אָבער פּאָרט צעטרענצלט דאָס ביז איצטיקע לעבן, די בעסטע יאָרן. שטענדיק אַ פאַרשפּעטיקטע, שטענדיק אַן אָנהייבערין, אַן אייביקע דעביוטאַנטין.

זי וואָלט איצט געוואָלט געפינען אַ פאַרענטפערונג אויף דער פראַגע וואָס מאַטערט זי: פאַרוואָס האָט זי דערנאָך נישט אויסגעקליבן קיין וועג? פאַרוואָט נישט אָנגעהאָנגען זיך, נישט אָנגעקלאַמערט זיך אין איין זאַך? ווען זי איז אַלט געוואָרן 38 יאָר, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז זי הענגט אין דער לופטן, אָן אַ באָדן אונטער די פיס. זי איז אַלץ און גאָרנישט. אַ מענטש דאַרף דאָך עפּעס זיין. זי דערמאָנט זיך ווי זי האָט אַ מאָל געהאַט געפרעגט אַ פאַרריסענעם מענטש וואָס ער איז פון פאַך.

— איך? — האָט ער פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט. — איך בין אַ כלל־טוער, — האָט ער מיט א פאַרריסענער זיכערקייט געענטפערט.

ס'איז איר געוואָרן אומעטיק, ווייל ס'האָט איר אַ מאָל געדראָאַט צו ווערן פון "פאַך" אַזאַ ווי יענער. אויב מ'וואָלט זי געפרעגט אַן עצה, וואָלט זי אַזאַ "פּראָפעסיע" אָפּגעשאַפט. כלל־טוער און פּאָליטיקער וואָלטן געדאַרפט לעבן פון אַנדערע פּראָפעסיעס, ס'וואָלטן אפשר געווען ווייניקער קאַנדידאַטן אויף פּאָליטיקער און פּראָפעסיאָנעלע כלל־טוער, ס'וואָלט אָבער בעסער געווען פאַרן כלל. צו וואָס האָט זי אַלץ נישט געזאָלט זיך נעמען! נאָך דער מלחמה האָט זי כסדר מיט זיך איינגעחזרט: מ'דאַרף זיך אין עפּעס אָנהענגען! איינבייסן זיך מיט די ציין!

זי האָט דאָס אַ סך מאָל געפּרוּווט. פּלענער האָבן איר נישט געפעלט, פאַרקערט, געווען צופיל. זי האָט געלעבט מיט פּלענער, טרוימען פאַרלאַנגען. ס'איז פון זיי גאָרנישט

געוואָרן. אָט האָט זי אַ מאָל פֿאַרטראַכט אָנצושרייבן אַ בוך, געהאַט דורכגעטראַכט די גאַנצע זאַך, אַפֿילו די באַזונדערע קאַפּיטלען. ס'האָט געזאָלט זיין אַ ברייטער ראָמאַן פֿון איר דור. צו דער פֿעדער האָט זי שטענדיק געצויגן, נאָך אין שול האָט זי געשריבן לידער, קיינער האָט דערפֿון נישט געוווּסט. ס'איז געווען איר גרויסער סוד. די לידער האָט זי שפּעטער צעריסן, דאָס טאָג־בוך, וואָס זי האָט אין געהיים געפֿירט, איז אין דער מלחמה פֿאַרלוירן געגאַנגען. פֿאַרוואָס האָט זי זיך צוריק נישט גענומען צו דעם? איז זי דאָך געווען זיכער, אַז ס'געהער זיך אָן מיט איר. פֿאַרוואָס האָט זי דאָס אַלץ אָפּגעלאָזט?

זי האָט אויך אויף אַ לאַנגער צייט פֿאַרוואָרפֿן דאָס צייכענען. דאָס מאָלן האָט זי שוין פֿון לאַנג געהאַט אָפּגעלאָזן. און אין איר פֿריער יוגנט האָט זי דאָך אַ סך זיך געפּאָרעט מיט מאָלעריי. זי האָט אין איר שטעטל געמאָלן די פֿעלדער פֿון הינטער זייער הויז, דאָס וועלדל, דעם טייך, געמאַכט צענדליקער בילדער מיט פֿעלד־בלומען. צי ווייל זי האָט דעמאָלט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דעם דאָרפֿישן פּייזאַזש, צי ווייל זי האָט ליב געהאַט צו מאָלן און צייכענען? מיט צייכענונגען האָט זי, פֿאַרן פֿאַרלאָזן ווין, אַ שטיקל צייט אַפֿילו פֿאַרדינט אויף חיונה. זי האָט אַריינגעשיקט עטלעכע צייכענונגען אין אַ קינדער־זשורנאַל און דערנאָך באַקומען אַ באַשטעלונג צו אילוסטרירן אַ קינדער־בוך. זי האָט דאָס באַטראַכט פֿאַר אַ טייל פֿון איר פּעדאַגאָגישן באַרוף, אָבער נישט פֿאַר אַ באַרוף גופֿא.

צו וואָס האָט זי זיך אַלץ נישט גענומען? אָט אַן איינפֿאַל געהאַט: ווען איז דאָס געווען? יאָ, ווינטער 1943 אָדער 1944, איידער זי איז אַוועק אין וואַלד. 6 חדשים איז זי אויסבאַהאַלטן געווען ביים עטנאָגראַף, נאָך דעם ווי זי איז צעמזיקט געוואָרן בעת אַן אַקציע. זי האָט זיך געהאַט געשלעפּט מיט אַ דורכגעשאָסענעם פֿוס. פֿון אירע 4 באַגלייטער זענען פֿאַרבליבן צוויי. זי האָט געבעטן זיי זאָלן זי לאָזן, אָבער זיי האָבן זי געבראַכט צו שלעפּן צו דער פֿויערישער כאַטע, אין דער פֿרי זי אַרויפֿגעלייגט אויף אַ פֿורל, פֿאַרדעקט מיט שטרוי און אַוועקגעפֿירט אין דער קליינער הינטערשטאָטישער ווילע. בראָנעקס פּראָפֿעסאָר, אַ יונגער עטנאָגראַף, איז אָנהייב מלחמה אַוועק אין דער אַרמיי, דערנאָך אויף אַן אומפֿאַרשטענדלעכן אופֿן זיך אַריבערבאַקומען קיין ענגלאַנד. ער האָט געלאָזט אַ שיינע ווילע, אַ קליינטשיקע אַלטע מוטער און א גרויסע ביבליאָטעק. סיי די ווילע, סיי די אַלטע מאַמע און די ביבליאָטעק האָבן זי אָפּגעראַטעוועט. ביינאַכט האָבן די ווייטיקן נישט געלאָזט שלאָפֿן. זי האָט זיי פֿאַרטריבן מיט דער לעקטור. זי האָט געלייענט און נאָטירט. קיין בעסערע רפֿואה איז נישט געווען צו די יסורים. לייענענדיק האָט זי אין זיי פֿאַרגעסן. נאָך דריי חדשים לייענען און נאָטירן האָט זי זיך גענומען צום שרייבן, אָנגעשריבן אַ קליינע אַרבעט אויף וואָסערע איבער הונדערט זייטלעך, וועגן פֿעלקער־און ראַסן־קרייצונגען. ס'איז געווען אַ באַגרינדונג קעגן דער היטלעריסטישער ראַסן־לערע. זי האָט געמאַכט די אַרבעט פּונקט ווי זי וואָלט איבערגעטראָגן גראַנאַטאַן אָדער אָנטייל גענומען אין אַ סאַבאָטאַזש־אַקציע. מבֿינים האָבן די אַרבעט גערימט, פֿאָרויסגעזאָגט איר א וויסנשאַפֿטלעכע קאַריערע.

פֿאַרוואָס איז זי נישט געגאַנגען אין דער ריכטונג? צוליבן קינד, וואָס זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט? צי ווייל די מאַטוּרע איז אין מלחמה־שטורעם פֿאַרלוירן געגאַנגען? אפֿשר נישט צוליבן ערשטן און נישט צוליבן צווייטן. ס'איז ווידער געווען בילכערס.

צי זוכט זי אַ מאָל נישט קיין פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר איר אומבאַהאָלפֿנקייט? דעצידירן זיך אויף עפּעס איז פֿאַר איר, ליזען, קיין מאָל נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן. מאַכן אַן

אויסוואַל! וואָס פֿאַראַ וואַנט דורכצוברעכן! זי דערמאָנט זיך איצט ווי זי איז איין מאָל בעת שטאַרקע אַמפּערנישן מיט זיך אַליין געשטאַנען פֿאַר אַן אויסוואַל. זי איז אין דער פֿרי אַרויס פֿון שטוב מיט צוויי אַדרעסן אין טאַש. די נאַכט איז זי נישט געשלאָפֿן, געשלאָגן זיך מיט דער דעה: זאָל זי גיין אַרבעטן אין די מלוכהשע אַרכיוון, וווּ זי וועט אַרבעטנדיק קאָנען צוגרייטן די עקזאַמענס אויפֿן אוניווערסיטעט און קאָנען שפּעטער אַרבעטן ווי אַ וויסנשאַפֿטלער, אָדער גיין אין ליטעראַרישן זשורנאַל?

זי האָט לאַנג אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן, געבראָכן זיך דעם קאָפּ וואָס צו טאָן מיט זיך, לסוף נישט געגאַנגען נישט אין די אַרכיוון, נישט אין ליטעראַרישן זשורנאַל, ווו זי האָט געזאָלט אויפֿגענומען ווערן דורכן הויפּט-רעדאַקטאָר. זי איז אַוועק אין אַ קינדער-צייטונג, ווו זי האָט געהאַט קאַנטשאַפֿט און אָנגעבאָטן צו אילוסטרירן קינדער-מעשהלעך און ווייס זי וואָס נאָך.

צי האָט זי אַזוי שטאַרק געהאַלטן פֿון אירע צייכענונגען? וויניקער נאָך ווי פֿון איר ליטעראַרישן טאַלאַנט, ווי פֿון אירע וויסנשאַפֿטלעכע נייגונגען. טאָ פֿאַרוואָס? צוליב וואָס? צוליב דער סביבה, צוליב באַקאַנטשאַפֿטן. זי האָט מורא געהאַט ערגעץ אַנדערש זיך צו פּילן פּרעמד, צו זיין אַ צופּעליקע. פֿאַר וועמען האָט זי שטענדיק מורא? פֿאַר פֿרעמדע מענטשן, צי פֿאַר זיך אַליין? מסתמא פֿאַר ביידע.

די צייכענונגען האָבן זי געפֿירט צוריק צי פֿאָרויס? זי ווייסט נישט. זי ווייסט בלויז, אַז זי האָט באַקומען חשק אויך אָנצוהייבן צוריק מאָלן. נאָך אַזוי פֿיל יאָרן איבעררייס צוריק אָנהייבן. האָט זי דאָך קיין מאָל נישט געטראַכט צו ווערן אַ צייכענער, אַ מאָלער, איז צו וואָס? פּלוצלינג ווידער אַ צייכענער, דערצו אַ פּראָפֿעסיאָנעלער. צוריק אָפּגעבן די גאַנצע פֿרייע צייט מאָלעריי. האָט זי דאָך קיין שום אויסבילדונג נישט. זיין אַן אַמאַטאָר? אַ זונטיק-מאָלער? אַ מאָלער אויטאָדידאַקט?

זי ווייסט, זי ווייסט, געווען אַ מאָל גרויסע מאָלער אויטאָדידאַקטן. אַזעלכע זענען געווען וואַן-גאָג, טולוז-לאָטרעק, אויך סעזאַן און נאָך אַ סך. וואַן-גאָג האָט אָנגעהויבן מאָלן צו 30 יאָר און געשטאָרבן צו 37 יאָר. דער אויטאָדידאַקט האָט אין 7 יאָר געשאַפֿן אַ גרויס ווערק. מען הערט פֿון אַזעלכע, וואָס הייבן אָן צו 70 און 80 יאָר, באַווייזן אַ סך, אָבער דעמאָלט דאַרף מען זיין אַ... און זי וואָס?

די זון האָט זיך אויפֿגעהויבן העכער אויפֿן האָריזאָנט, אירע גאָלדענע שטראַלן זענען געוואָרן זילבערדיק, זיי ברענגען אַריין אין צימער דעם זומער, זיי גליטשן זיך איבערן בעט, גלעטן, צערטלען ליזעס אויסגעצויגענע, מאַכטלאָזע הענט. דורכן פֿענצטער דערגייען די קלאַנגען פֿון טריט פֿון די ערשטע פֿרימאָרגנדיקע פֿאַרבייגייער. ליזע הייבט אונטער דעם נישט אויסגעשלאָפֿענעם קאָפּ, כאַפּט אַ קוק אויפֿן האַנט-זייגערל – האַלב זיבן ערשט, זי דאַרף זיך נייטן איינצושלאָפֿן, אויב נישט וועט זי דעם גאַנצן טאָג זיין ווי שיכור. געשלאָפֿן אין גאַנצן אפֿשר אַ צוויי שעה. דאָס נישט דערשלאָפֿן לייגט זי אַוועק. און צו וואָס טויגן די אַלע חשבונות? צו וואָס אַליין פֿון זיך פֿאַסן רייסן? צוריקכאַפּן קאָן מען שוין סיווי גאָרנישט. די אַוועקגעגאַנגענע יאָרן וועסטו נישט איבערמאַכן. זיך גופֿא אויך נישט לייכט איבערצומאַכן. דאָס גאַנצע לעבן יאָגט זי זיך נאָך עפּעס, וויל אָניאָגן און שטענדיק פֿאַרשפּעטיקט זי. שטענדיק אַ פֿאַרשפּעטיקטע. ס'דוכט זיך איר, אַז די יאָרן לויפֿן, נאָר זי שטייט אויף אַן אָרט. אפֿשר דערפֿאַר האָט זי נישט ליב צו רעדן וועגן אירע יאָרן? אפֿשר דערפֿאַר האָט זי נישט ליב אויסצוזאָגן וויפֿל זי איז אַלט? ס'פֿאַרשאַפֿט איר בפֿירוש עגמת נפֿש, ווען עמעצער דערוווּסט זיך וויפֿל זי איז אַלט. זי דערמאָנט זיך יענע

נאַרישע מעשה... אוי, ניין, זאָל זי זיך בעסער נישט דערמאָנען, זאָל זי בעסער פּרוּוון איינשלאָפן, זי וועט דעם גאַנצן טאָג זיין שיכור.

ליזע האָט אַרויפגעצויגן די קאָלדרע, איינגעדעקט זיך, כאָטש ס'איז קאַלט נישט געווען. פּאַרקערט, דער זומער האָט שוין געשפּרייזט איבערן צימער. איינוויקלען זיך אין דער קאָלדרע, איינקורטשען זיך, איז נאָך אַ מיטל איינצושלאָפן. ווען זי קאָן כאָטש כאַפּן אַ קליינעם דרימל. מ'דאַרף אָפּטרייבן די דערינערונגען, פאַריאָגן די מחשבות. זי פאַרמאַכט די אויגן, נאָר עס דרייען זיך פּאָרט בילדער אין דמיון. ס'ווערט איר הייס. זי שאַרט אָפּ פון זיך די קאָלדרע, ס'וועט סיווי נישט העלפן.

וואָס איז דאָס געווען, יענע מעשה? יאָ, דער שאָפער. וואָס פאַראַ נאַרישקייט! און זי האָט זיך דערמיט איבערגענומען. ער האָט געבראַכט דעם נייעם אייזקאַסטן, זי האָט געוואָלט אים העלפן אַרויפטראָגן.

– דאָס איז נישט פאַר אייך, ס'איז אַן אַרבעט פאַר יונגע.

– איך בין דען אַלט?

– אַלט נישט, אָבער יונג אויך נישט.

– וויפל יאָר גיט איר מיר?

– איר דערגייט שוין מסתמא צו די פערציקער.

זי האָט זיך מודה געווען, ווי מ'איז זיך מודה צו עפּעס אַ שולד. ס'האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן וואָס עמעצער האָט געטראָפן איר עלטער. כאָטש זי האָט דעמאָלט זייער שלעכט אויסגעזען, געהאַט אַ פאַרקרימט פּנים, האָט זי דאָך אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז זי הייבט אָן אויסצוזען אויף איר עלטער. אין עטלעכע חדשים שפּעטער איז זי געווען אין אַן אָפּרו־הויז אין נידער־שלעזיע. ביים טיש מיט איר זענען געזעסן צוויי פּויערטעס, ביידע אויף קוראַציע. די דרייסטערע פון זיי, אַ פערציק יאָריקע פּויערטע מיט אַ צעקנייטשט פּנים און אויסגעקרישלטע ציין האָט צו איר געזאָגט:

– אין אייער עלטער האָט מען אַן אַפּעטיט און איר עסט ווי אַ פייגעלע.

ליזע האָט געהאַט אַ צוגעגרייטע פראַגע, זי האָט זי איבערגעחזרט:

– וואָסער עלטער גיט איר מיר?

– נו, קיין דרייסיק יאָר האָט איר נאָך נישט, מסתמא נאָך ווייט.

ליזע איז דאָס מאָל צופרידן געווען, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז מ'קאָן זיך אויף דער פּויערטעס מבינות נישט פאַרלאָזן. אויף יענערס פּנים האָט די עלטער גאַלאָפּירט אַן יאָרן.

דאָס אַלט ווערן 40 יאָר האָט זי געטראָפן אַ דערדריקטע. ביי יעדן מענטש, בפרט ביי איר איז דאָס געווען אַן איבערברוך־עלטער. מען גיט דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אַ קוק אויף צוריק. מיט וואָס איז אָוועק אַזאַ שטיק לעבן? וואָס האָט זי אויפגעטאָן? זי איז דעמאָלט געווען צעקריגט מיט זיך, געמוסרט זיך. דעם גאַנצן כעס האָט זי אויסגעלאָזט צו אירע לידער. אַרויסגעשלעפּט זיי, איבערגעלייענט און צעריסן. פון דעמאָלט אָן האָט זי מער קיין לידער נישט געשריבן. דעם פאַרפלאָנירטן ראָמאַן אַפילו נישט אָנגעהויבן, בלויז אין זכרון אים געהאַט אָנגעשריבן. און אירע וויסנשאַפטלעכע נייגונגען? זי האָט אָפּגעפּסקנט, אַז יענע אָנגעשריבענע אַרבעט איז זיכער געווען אַ צופעליקע זאַך. אַלץ ווי אַ נישט דערטראָגן קינד. בלויז צופעליקייטן. איז מיט וואָס איז זי דערגאַנגען צו די 40 יאָר? אַ יאָ, געווען אַריינגעטאָן אין כלל־ענייִנים. אַ מאָל האָט דאָס אַלץ איינגעשלונגען, דערנאָך האָט עס זיך גופא איינגעשלונגען. געבליבן זענען איר בלויז די צייכענונגען, די מאָלעריי, וואָס זי הייבט כסדר אָן אויף ס'ניי. אַ שטענדיקע דעביוטאַנטין. זי האָט זיך

פאַרט געלאָזט אָנרעדן אויסצושטעלן אירע בילדער. איינע האָבן געלויבט, אַנדערע האָבן צונישט געמאַכט. זי איז אָבער דעמאָלט געווען מיט 10 יאָר ייִנגער. היינט איז זי מיט צען יאָר ייִנגער ווי זי וועט זיין אין צען יאָר אַרום... ווי האַלט איך אין דער אמתן אין דער וועלט? וואָסער זין האָט דאָס אַלץ?

"דאָס לעבן האָט אַזאַ זין ווי דער מענטש גיט עס", האָט ווער געשריבן. אָבער וואָסער זין פאַרט געבן דעם לעבן? ביז איצט אַ בית־עולם פון טרוימען, פון פלענער.

מיקעל אַנדזשעלאָס ביאָגראַפן דערמאָנען, אַז ער האָט געהאַט א בית־עולם פון פלענער, פון פאַרטראַכטע ווערק, וואָס זענען נישט געבוירן געוואָרן. אַפילו ער. ער האָט נעגירט די באַשטעלונגען פון די פויפסטן, מעצענאַטן, זיינע אייגענע פלענער נישט אויסגעפירט, כאָטש ער האָט אָנגעהויבן אין עלטער פון אַ יונג ייִנגל און געשאַפן ביז 89 יאָר. ער האָט אויף דער עלטער אַליין געזאָגט וועגן זיך, אַז ער האָט אַ ריזיקן בית־עולם פון נישט רעאַליזירטע ווערק, פון טרוימען.

יעדער מענטש האָט מסתמא אַזאַ אייגענעם, קליינטשיקן בית־עולם, איינער אַ קלענערן, אַן אַנדערער אַ גרעסערן, איינער ווייסט צומאָל נישט דערוועגן, אָדער מאַכט זיך גאָרנישט דערפון, אַן אַנדערער זעט זיך אין אַ געווויסן עלטער אַרום, עסט זיך אָפּ דערפאַר די גאַל.

ווען און ווי אַזוי האָט זי, ליזע, זיך דעוווסט וועגן אירן אַזאַ בית־עולם? זי ווייסט אַליין נישט צי זי האָט זיך ראַפּטעם אַרומגעזען, צי נישט, נאָר ס'האָט אָנגעהויבן נאָגן ביים האַרץ, ווי זי וואָלט אַ לאַנגע צייט נישט דערעסן און שלעכטע דערנערונג האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגערופן, געצויגן פון איר דאָס חיות אַרויס. זי האָט געוואָלט מיט געוואַלד פאַרטרייבן די נאָגעניש ביים האַרץ און נישט געקאָנט. אַזעלכע צושטאַנדן רופן מענטשן אָן קריזיס, איבערברוך. וואָס איז דאָס אַזוינס? זי ווייסט נישט גענוי, אָבער זי, ליזע, קוקט דעמאָלט אויף זיך ווי אויף אַ שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט צימער, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט אַלטע גראַטעס. עס ווילט זיך מיט איין מאָל אַלץ אַרויסוואַרפן, אָפּרוימען, אויסמעבלירן אויף ס'נייַ, אַלץ באַנייַען, אָפּפרישן.

ווי אַזוי וואַרפט מען פון זיך אַרויס דאָס וואָס געפעלט נישט, וואָס דערווידערט? ווי אַזוי און מיט וואָס מעבלירט מען אויף ס'נייַ אויס דעם מוח, די נשמה, דאָס האַרץ? אפשר מיט דער מאָלעריי? זאָל מען אָנגעמען, אַז כ'בין אַ מאָלערין, אַ מאָלערין־דעביוטאַנטין צו 50 יאָר, אַ יונגע מאָלערין. אַ דאָקטער האָט איר געהאַט געזאָגט, אַז זי וועט לאַנג לעבן. און אַז לאַנג לעבן קאָן זי זיך נאָך אויסאַרבעטן אין דער מאָלעריי. אין אַ 20 יאָר אַרום... בין איך היינט ייִנגער מיט 20 יאָר ווי כ'וועל דעמאָלט זיין, אָבער דעמאָלט וועל איך... איז וואָס בין איך היינט? אפשר יונג?

אַ יונגע מאָלערין... וואָס וואָלטן מיינע קריטיקער געזאָגט ווען זיי וואָלטן געוווסט אַז איך וועל היינט 50 יאָר? זיי וואָלטן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט צו דרייען מיט דער צונג ס'זאָל אַרויסקומען נישט פּע נישט מע. גוט וואָס קיינער ווייסט נישט. ביז 60 יאָר דאַרף מען כלל נישט אויסזאָגן די עלטער, דער עיקר אַ פרוי, ווי לאַנג מ'קאָן נאָך אָנגיין פאַר...

פאַרוואָס איז איר אָבער אַזוי אומעטיק? פאַרוואָס אַזוי צערודערט? צי ווייל זי פּראָוועט דעם געבורטס־טאָג אַליין? אין איינזאַמקייט? צי ווייל אַזאַ קיילעכדיקע דאַטע? אוי, ווי דער קאָפּ איז שווער, דער מוח ווערט צעזעצט, דאָס האַרץ צעקלעמט. ווען איך וואָלט געקאָנט איינשלאָפן. שלאָפן, שלאָפן, כ'מוז שלאָפן!

**חנן קיעל / ניו־יאָרק**

# הייליקע שווייגעניש

מיט באָרוועסע פּיס האָבן נעכט געלויערט
אין איינגעדרעמלטן וועלדל פון אייבערשטנס געשוויג,
דאָ, אויפן גראָזיקן וועג צעטראָטענעם,
אין שאָטנטאָל פון געהיימען פאַרשווינד
זיינען אַלע אונדזערע גלי־שטערן געוואָרן בלינד.

כ׳האָב מורא פאַרן בלעטל־געפּליסטער אין נעפּל
פון איינגעהילטער שטיל־שווייגעניש אין וואַלד;
אויך די פייגל וועלן זיך מער נישט צוריקקערן
צו די לידער־נעסטן, וואָס האָבן געאָטעמט די אימה
פון מיין יונגן טאַטן;
מיך שרעקט די סודיקע שלווה, די פאַרדעכטיקע שטומעניש
וואָס האָט אין אונדז געפעלשט, פאַראַטן.
מיין מאַמעס געוויין בלוטיקט אויף די צווייגן,
אירע קינדער איינגעהילט אין שויס פון אייבערשטנס שווייגן.

# קראַנקן־שוועסטער

אין באַגלייט צום טויער פון ליידיקן שפּיטאָל
האָבן מיר אין מאָרגן־נעפּל געשוועבט
זאַלבעצווייט
איבער ווילדגראָז, צעקרישלטן גלאָז,
– ברוכוואָרג פון נישט־דערברענטע פרייד.
פייגל הונגעריקע אויף דעכער האָבן געצוויטשערט
אונדזערע ערשט־געבוירענע
מאַיאָווע לידער,
ס׳איז געווען אין יענעם ווייטן ערב־פאַרלענד

---

ניין, זי וועט איצט שוין נישט איינשלאָפן. זי וועט שוין די טראַכטענישט נישט פאַרטרייבן. פאַרוואָס אָבער דער אומעט? איז זי דען אַלט? פילט זי זיך דען אַלט? ניין, ניין, נישט די יאָרן דריקן אַזוי אויף איר. די אַליינקייט דריקט. צובאַקומען יאָרן אין איינזאַמקייט פאַרטאָפּלט די עלטער. פון דער קלעם פון יאָרן איז לייכטער זיך אַרויסצובאַקומען ווי זיך אַרויסרייסן פון דער קלעם פון איינזאַמקייט.

זי האָט נישט געהערט ווי אין טיר־שלאָס האָט זיך אַ דריי געטאָט אַ שליסל. פאַרטראָגן אין נישט היימלעכע געדאַנקען האָט זי אויך נישט געהערט קיין טריט, בלויז דאָס וואָרט מאַמע האָט זי אַרויסגעריסן פון די אומעטיקע טראַכטענישן. זי האָט דערזען איר 25־יאָריקע טאָכטער, זיך אויפגעריסן און אַ גליקלעכע אַריינגענומען דאָס מיידל אין אירע אָרעמס און געמורמלט: וואָס פאַראַ גליק! וואָס פאַראַ גליק! ניין, דאָס שטיקל לעבן איז נישט אין גאַנצן פאַרטאַכלעוועט געוואָרן.

וואַרשע, 1966

ווען דו האָסט נאָך די קראַנקע וועלט
ווי אַ קינד געטראָגן אויף די הענט.

ווו זיינען זיי פאַרשווינדן
אונדזערע יונג־זומערדיקע טעג,
די געטובלטע בענקשאַפט אין ווייסן געקליידט
ווען כ׳האָב דיך צום טויער פון שפּיטאָל באַגלייט.

אויפן שוועל פון אַלייניקער נאַכט אין געבעט־שעה
איך הער אין געפּליסטער פון ווינט
אויף יענער זייט מויער פון שטיין
דיין שווייגנדיק געוויין.

## זינט כ׳בין אַנטלאָפן

שניי־זכרונות אין געפּלאַטער פון נישט־היי,
פאַרשוויגענע וואָגל־זינגער טראָגן זיך
אין פיבערדיקן נאַכט־געפּלי
געבענטשטע, אין סודיקן געדויער עד אין סוף,
צאַנקענדיקע טענער מיניען זיך
אין אומרואיקן שלאָף.
זינט כ׳בין אַנטלאָפן פון ליידיקן הויף
הערט נישט אויף מיין געלויף,
הערט יענע שרעק נישט אויף צו טשאַטעווען
און איך האַלט זיך אין איין ראַטעווען.

## שאָפּען

לבנה־נאַכט. אויפן פּוילישן צווינטער
מאָדלען זיך פרום געפרוירענע ביימער,
פּחד גליאיקער פאַרזינקען אין געשווייג,
נאָר איינגעוויגט אין טויט איז אויך די אימה;
אין פוכיקע שניי־טומאַנעס כ׳וועל אַנטרינען,
זיך אויסבאַהאַלטן מיטן שאָטן פון מיין טאַטן,
לבנה־נאַכט וועט נישט פאַראַטן.

צלמים אין שניי וויגן זיך מיטן ווינט
אין ריטעם פון באַגלייט־מוזיק,
פאַרוואָגלטע עכאָס וועקן די הינט;
נאָר די קלויסטער־גלאָקן שלאָפן
און די קראָען אין די נעסטן כראָפּען.

אויפן פּוילישן צווינטער געאָרעמט מיטן טויט
בלאָנקעט זיך אַ טרויעריקער שאָפּען.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# אַ ריכטער פון עזה

## (דערציילונג)

דער טעפּער האָט געוואַשן די טרעפּ פון זיין טונקל הייל־געוועלב. אַ מידער איז ער געלעגן אויף די קניען. ער האָט געצויגן דעם האַלדז ווי אַ קעמל, געוויגט מיט די ברייטע אַקסלען ווי אונטער אַ משא. די ליימענע פיגורן, די געפּליגלטע מלאכים זיינען געווען צעשטעלט אין די געפּאַלדעוועטע ווענט, אַרום די שווערע זיילן ווי דוממים, פון דרויסן האָבן אַריינגעבלייכט צוויי אויסגעהאַקטע טויערן ווי לוחות.

דער טעפּער האָט אָפּגעווישט דעם שוויס. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, פאַרלייגנדיק די פיס הינטער זיך און גערוט. ס'איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פעלאַך מיט אַ מויל־אייזל. דער פעלאַך, אַ צוואַקסענער, האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די טרעפּ, אַראָפּ פון אייזל און זיך געווענדט צום טעפּער:

– פרידן צו דיר, שייך, קען איך קריגן אַ פּאָר סאַנדאַלן און געווירצן?

דער טעפּער האָט אַ צי געטאָן זיינע ברעמען, ווי האַלבע לבנות, אָפּגעמאָסטן דעם פעלאַך פון קאָרק ביזן קנעכל, ווי מען מעסט אָפּ אַ בהמה, און זיך צעלאַכט:

– אָרעמער פעלאַך, זעסט דען נישט, אַז מיין הויז איז פול מיט ליים, דערציילט נאָר פון יאוש און טויט? – אַ מענטש אַז ער שטייט אויפן ראַנד פון קבר, דערפילט זיין סוף, ווערט ער מיין גאַסט – אָבער דו דאָרפס־יונג, וואָס שניידסט דאָס פעלד אויף ברויט, שפּרינגסט איבערן סטעפּ ווי אַ גאַזעל, איז נישט קיין בושה צו דיינע וואָנסן, ביי מיר צו מאָנען סאַנדאַלן און געווירצן?

דער פעלאַך האָט זיך אויסגעדרייט. די רייד פון שטאָטישן האָבן זיך אים געלייגט אויפן שכל – ער איז אַרויף אויפן אייזל, גענומען אָפּטרעטן. דער טעפּער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ כאַפּ געטאָן, אַרויס פאַר זיין טיר, מיט חרטה נאָכגעשריען:

– וואַרט, פעלאַך!

ער האָט אים אַריינגעפירט צו זיך אין טונקעלן געוועלב, געשטעלט פאַר אים צווישן די ליימענע פיגורן אַ געפלאָכטן פוס־בענקל און חניפיש איינגערוימט אויפן אויער:

– צו וועמען גרייטסטו זיך, יונג, אַז דו זוכסט סאַנדאַלן און געווירצן?

– כ'וויל צום שייך אוסמאַן – האָט דער פעלאַך געענטפערט.

– צום ריכטער?

– יאָ.

– ווייסט פעלאַך, – האָט דער טעפּער זיך איבער אים געשטעלט, אַ לאַנגער, אַ שאָטנדיקער – אַז דער שייך אוסמאַן איז אַ ריכטער, משפּט דעם מענטש מיטן גרויסן פאַרשטאַנד פון נביא מאַכמעד, משפּט איבער גאַנץ עזה. פאַר זיין שוועל באַווייזן זיך מערדער און זינדיקע, רויבער און זונהם – און מיט וואָס קומסטו דאָרפס־מענטש, אַז דו ווילסט זיך שטעלן היינט פאַר זיינע טויערן?

– מיט פאַרברעכן און דויבו! – האָט דער דאָרפס־מענטש אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן.

– זעץ זיך, פעלאַך.

די טונקלקייט האָט באַשאָפן ביי די ליימענע פיגורן שאָטנס. די דוממים זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבעדיקע געשטאַלטן, אומהיימלעכקייט געוואָרפן. און דער זינדיקער פעלאַך האָט דערציילט. דער ווידוי האָט געקלונגען אייגן, געקלונגען מיט גלויבן. אַ צופרידענער האָט דער טעפּער אויסגעהערט, דערנאָך זיך אויפגעשטעלט:

– געווירצן צו שמירן דיינע האָר און לייב, קען איך דיר באַזאָרגן, אָבער וועגן סאַנדראַלן, ברודער, מוזטו זיך לאָזן איבער דער שטאָט – קויפן ביים ייד, דעם מאַרק־שטייער.

ער איז פאַרשווּנדן דורך אַ זייטיקער טיר, באַלד צוריק זיך באַוויזן מיט אַ קליין צוגעפּראָפּט פּלעשל, באַדעקט פון אַלטקייט מיט שימל און שטויב, און זיך געווענדט צום פּעלאַך:

– פאַר צוויי הונדערט באַשליקן נעם עס צו. ס'שטאַמט פון אַמאַרס צייטן, טראָגט דעם גלאַנץ און ריח פון דיינעם הימל־טוי, אויף דער שוועל פון שייך אוממאַן, אָרעמער, זיי מצליח, זאָל זיין דער ווילן פון אַללאַ און ס'וועט אַרויס אַ מילדער משפּט. און וועגן די סאַנדראַלן, צום מאַרק אייל, צום מאַרק...

דער פּעלאַך האָט אויפגעציילט צוויי הונדערט אַשליקן און אַוועק. ער איז געגאַנגען מיט די שמאָלע וועגעלעך, אויסגעמיטן די קלייטן, די בוידן, ביים עק מאַרק איז געשטאַנען דער ייד, דער הענדלער, צווישן שיך, הויזן און אַלטוואַרג.

דער הענדלער, אַן עלטערער עזה־תושב, וואָס האָט נאָך פון זיין עלטערזיידן געהאַט אַ חזקה צו שטיין אין מאַרק, צו באַקליידן באָרוועסע אַראַבער, איז געזעסן צווישן דער צעלייגטער סחורה און געפירט חשבונות מיטן ווינט. ער האָט דערזען דעם אָנקומענדיקן אַראַבער און אַקעגן געגאַנגען אים באַגריסן:

– געלויבט איז גאָט. ער פאַריאָגט די קויפערס פון שטאָט און שיקט צו קונים אין מאַרק.

– אַללאַ איז אַקבאַר![1] – האָט דער פּעלאַך געענטפערט – קען איך ביי דיר, אייגענער, קריגן סאַנדראַלן?

– אַללאַ איז דיר ליב! – האָט דער הענדלער זיך גענומען חידושן – לעדערנע ווילסטו? טוכענע?

ער האָט געגנישטערט צווישן שוכוואַרג, געזוכט אַ פּאַסיקע מאָס. דער פּעלאַך האָט זיך געדונגען, באַצאָלט ווייניקער פון געבעטעגעם און אַוועק. די איינגעצויגענע געסלעך האָבן זיך געדרייט ווי שלענגלעך. געפירט אַרום מאַרק, אַרום בוידן, געפירט צו אַ גרויסן אַלטן בנין, ווו דער פּעלאַך, אַן אויפגערוימטער, איז אַריין דורכן אָפענעם טויער.

אין אַ טיפן אויסגעוועלבטן זאַל, מיט געוויקלטע ווענט, איז געזעסן אויף אויסגעבעטע קישעלעך, אויף קאָלירטע קאַוויאָרן אַ געעלטערטער שייך. די לאָקיקע שוואַרצע באָרד האָט אַרומגעקרייזלט דאָס ברוינע פולע פּנים, צוגעבנדיק יונגקייט. די טונקעלע אויגן זיינען געווען וואַך, געגלאָצט איינצייטיק מיט תמימות און חכמה אַרום די שלייפן, איבערן שטערן האָבן זיך געצויגן קנייטשעלעך און פעלדלעך, וואָס האָבן דערמאָנט די חריפות ביי אַ ייד אַ תלמוד חכם.

דער שייך האָט זיך געבויגן איבער אַן אויפגעוויקלט שטיק פּאַרמעט ווי אַ מגילה, געפירט מיט אַ דינעם כתב און געלאָשן די שריפט מיט זאַמד. ביי דער זייט האָט זיך געדויכערט אַ נאַרגילע, ווו אויפן בייכיקן גלאָז איז געווען אויסגעמאָלט די מלחמת מצווה צווישן מאמינים און כופרים.

ווען דער פּעלאַך האָט זיך באַוויזן אין טיר, האָט דער שייך זיך עטוואָס אַ הויב געטאָן און געקוקט אויף אים מיט די תמימותדיקע אויגן, באַלד האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט, ווי דאָס וואָלט פאַר אים געווען אַן אַלט אייגן פּנים. ער האָט געפרעגט:

– קומסט פון ווייט?

– פון בית שאן, ריכטער – האָט דער פּעלאַך זיך אַ נויג געטאָן – איבער פינף מייל

---

[1] – אַקבאַר – גרויס

רייטן מיטן אייזל.

– ווער ביסטו?

– כ'היס כאַליל אַכמעד, שייך. צייט איך קען זיך בין איך נישט אַנדערש. מענטשן ציילן מיינע יאָרן אויף דרייסיק צו פינף און דרייסיק. איך אַליין ווייס נישט. שייך, כ'ווייס גאָרנישט. די איינוווינער פון זבאַד, וואָס האָבן גוט געקענט מיין פאָטער, דערציילן, אַז פונקט דעמאָלט, ווען אונדזער ווייסער אייזל איז אויסגעגאַנגען, בין איך געבוירן געוואָרן.

– ווילסטו ביי מיר אַ שטראָף? – האָט דער שייך געשמייכלט.

– יאָ.

– דערצייל.

דער פעלאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אונטערטעניק פאַרלייגט די פיס הינטער זיך, אויסגעצויגן די פלייצעס און ווי אַ קעמל־טרייבער זיך גענומען וויגן:

– נישט אַנדערש, שייך, נאָר דורך מיר און דורך דעם שטן איז באַשאַפן געוואָרן דאָס שלעכסט... דען ווי נעמט זיך, שייך, אַז איך, כאַליל אַכמעד, זאָל ווערן אַ וועג־רויבער, באַפאַלן קעמלען און מויל־אייזלען, נישט דורכלאָזן קיין פעלאַך און עפענדי? – מיין שבט שטאַמט פון זבאַד, איז אייביק געווען צווישן פּי און קעלבער. די זיידעס, פרומע, האָבן נישט איין מאָל געטראָגן ציגל צום מעטשעט אָמאַר, געפאַסט אין "ראַמאַדאַן" פערציק טעג... נאָר כ'ווייס, שייך, כ'ווייס, דאָס האָט די קללה פון שטן זיך אויף מיר אויסגעגאָסן... צוערשט אַללאַ דערנאָך דער נביא האָבן אויף מיר אָנגעהאָנגען די תוכחה, כ'זאָל טראָגן פאַר די זינד פון אַלע רויבער... ווייל הער נאָר, שייך, ווען כ'בין נאָך יונג געווען, בין איך שוין געזעסן פאַרשפאַרט, געוווסט פון געפאַנגענשאַפט. אַ בעדואינער פון יענער זיין ירדן איז אַ מאָל געקומען אין אונדזער דאָרף, מיטגעבראַכט פיר שיינע קי, זיינען די פעלאַכן אַרויס פון די שטיבער, גענומען איינהאַנדלען די קי. איטלעכער האָט געברענט פון קנאה און געוואָלט איבערשטייגן דעם צווייטן. איך, איינער פון די פעלאַכן, האָב אויך געליטן פון קנאה און נישט געקענט זען ווי די אייזלען וואַרפן זיך מיט די טערקישע באַשליקן ווי מיט אַרבעס. האָב איך זיך גענומען קריגן, דאָס קריגעריי איז אַריבער אין שיסעריי. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן די ביקס, אָנגעצילט זי צו דעם וואָס האָט צומיינסטן איבערגעצאָלט און אויסגעשאָסן. דער פעלאַך איז געוואָרן פאַרווונדעט, איך – פאַרמשפט, אָפּגעשיקט אויף צוויי יאָר אין געפענגעניש... אַז כ'בין נאָך צוויי יאָר אַרויס אויף דער פריי, און צוריקגעקומען אין דאָרף, האָט נאָך די קנאה אין מיר געברענט. כ'האָב דערקענט אין פעלד די פיר גראָטענע קי, זיך דערמאָנט, אַז צוליב זיי בין איך געווען צוויי יאָר פאַרשפאַרט, און כ'האָב צוגעזאָגט נקמה צו נעמען. ביינאַכט בין איך אַריין אין שטאַל, אַריינגעשאָטן אין היי גיפטיקע בלעטלעך און מיטן באַגינען זיינען די קי שוין געווען טויטע פגרים. אַז די רעגירונג־לייט זיינען געקומען און געפרעגט וועמען מען איז חושד, האָט מען באַלד געענטפערט: דעם פעלאַך, וואָס איז אַרויס פון געפענגעניש. כ'האָב זיך אַרויסגעגעבן, שייך, כ'האָב נישט געלייקנט, דערפאַר בין איך טאַקע פאַרמשפט געוואָרן צו באַצאָלן די ווערט פון די אָפּגעסטמע קי, און צו גיין מיטן רייטנדיקן פּאָליציאַנט נאָך אַ מאָל אין געפענגעניש.

...דער רייטער האָט מיך געפירט צווישן די בערג אַרום אַרטוב. אַז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ טיפן טאָל, וו דאָס רעגן־וואַסער פאַלט אַריין מיט אַ שטאַרקן שטראָם אין אַ שוימיקן ריוו און ריזלט זיך פון אונטן, אַז מיר זיינען דאָרט צוגעקומען – איך גייענדיק, ער – רייטנדיק, האָב איך אים געוואָרנט: היט זיך, רייטער, אַ געפאַר דעם

רעגן־טאַל דורכצוגיין. אָבער דער רייטער האָט געלאַכט: נישטאָ קיין שרעק, דאָס פערד איז הינטער מיר, און ער איז אַקעגן געגאַנגען דער סכנה. ווי נאָר ער איז אַריין אין טאָל און אַריבערגעשפּרייזט דעם ריוו, האָט דער שטראָם וואַסער אים אַ ריס געטאָן פון אָרט, פאַרשלעפּט מיטן פערד און פאַרטרונקען אין די רווישנדיקע כוואַליעס — אַ דערשראָקענער בין איך געבליבן שטיין פאַר דער וואַסער־גרוב, ניט געוווסט וואָס צו טאָן... כ'האָב אָנגעהויבן שרייען צו די בערג, געוועקט די אַרומיקע איינוווינער, וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט די לאַנגע שטעקנס. מען האָט געזוכט, געניש־טערט — אָבער אומזיסט. ערשט נאָך דריי טעג האָט דאָס וואַסער אַרויסגעשפּיגן דעם דערטרונקענעם גוף פון רייטער. כ'האָב געזען אין דעם, שייך, דעם געטלעכן פינגער. צוויי מאָל משפּטן פאַר איין זינד — האָט צוערשט אַללאַ, דערנאָך דער נביא געלאָזט הערן, טאָר מען נישט.

דער פּעלאַך איז שטיל געוואָרן. ער האָט געוואַרט ביז דער שייך אוסמאַן האָט אַ ציִ געטאָן דעם רויך פון דער נאַרגילע, דערנאָך האָט ער אויסגעשפּיגן און ווייטער זיך גענומען וויגן.

— הער נאָר, שייך, איך, כאַליל, האָב אויך אַ מאָל געהאַט צוויי געליבטע, זיינען דאָס טייבן געווען! צוליב איינער האָב איך דערשאָסן אַ פערד. די צווייטע האָב איך אַליין געשטאָכן. אַ שיין אויג געווען, די ערשטע, לאַטיפאַ האָט זי געהייטן. כ'האָב געדריקט יעדן טאָג איר בוזים ווי צוויי צייטיקע עפּל. זי האָט מיך אויך אַריינגענומען אין אירע אָרעמס. כאַליל אַכמעד וואָלט פאַר לאַטיפאַן דורכגעשווומען ימען, און לאַטיפאַ פאַר כאַליל אַכמעדן וואָלט דורכגעגאַנגען מדבריות. נאָר דאָס מזל האָט מיך ווידער נישט באַגלייט, שייך. אין דאָרף האָט איין מאָל זיך באַוויזן דעם עפענדי'ס זון, כאַליל, אויף אַ שוואַרץ אַראַבער פערד. און אַלע טעכטער פון דאָרף האָבן אָנגעהויבן אַרויסקוקן דורך די שטאַכעטן פון די פענצטער. זיי האָבן געגלוסט צום רייטער און צו זיין פערד. כאַליל האָט געוווסט, אַז אַלע גלוסטן צו זיין פערד און געגומען אָפטער קומען אין דאָרף אַריין, יעדן טאָג געקומען, געריטן פון באַגינען ביזן אָוונט. לאַטיפאַ וואָלט ווייטער געליבט כאַליל אַכמעדן, ווען נישט כאַליל מיט זיין פערד. וואָס אָפטער כאַליל איז פאַרבייגעריטן לאַטיפאַס פענצטער, אַלץ מער האָט זי זיך פון מיר אָפּגעטאָן. זי האָט געטראָגן ס'גאַנצע געמיט צו כאַלילן. — איך האָב געזאָגט: אַ טויט דעם פערד! און אין אַ פינצטערער נאַכט בין איך אַריין אין שטאַל, געשאָסן דאָס פערד, אַראָפּגערוימט די שטערונג. ווען מען האָט מיך געכאַפּט, האָב איך ווידער נישט געלייקנט, כ'האָב געקראָגן דערפאַר אַ יאָר געפענגעניש, געמוזט באַצאָלן דעם ווערט פון דעם אַראַבער פערד.

— און די צווייטע געליבטע, אַמאַנא, איז געווען אַ ווילדע, שייך, דאָרשטיק נאָך בלוט. וויפל כ'האָב פאַר איר אָנגערויבט, באַפאַלן דערפאַר, הייזער, איז געווען ווייניק. זי האָט זיך געפירט מיט מיר ווי מיט אַ הונט, צוגענומען דאָס רויב און נישט געגעבן קיין שכר. איין מאָל בין איך צו איר געקומען אַ מידער, געזאָגט: "אַמאַנאַ, כ'גיי אויס פון הונגער, גיב מיר מצות און זאַלץ, נאָר גיך!" איך זאָג: גיך. זי גייט לאַנגזאַם, בין איך בייז געוואָרן, אַרויסגעכאַפּט פון טורבאַן דאָס מעסער און איר אַריינגעשטאָכן אין בויך. אַז כ'האָב דערזען דעם אויפגעריסענעם בויך, האָב איך זיך דערשראָקן, אַרומגעבונדן זי מיט אַ טוך. געלאָפן צו די דאָרפסלייט נאָך אַן עצה. דערוויל זיינען אָנגעקומען אירע מומעס, געזען ווי זי ליגט אַן אַרומגעבונדענע, זיינען זיי נייגעריק געוואָרן און איר אויפגעבונדן דעם בויך. זיינען די געדערים אַרויסגעפאַלן און זי איז געשטאָרבן. דערפאַר, שייך, האָב איך ווייטער געקראָגן יאָרן געפענגעניש, פאַרשפּילט אַ שטיק לעבן — כ'ווייס נישט, שייך, צי

ס'איז געווען אַ האַרבע שטראָף. אַנדערע, ווייס איך, זיינען געגאַנגען צו דער תליה, און איינער, געדענק איך, אַברול קאַרד דעוויש, האָט זיך נישט געלאָזט פאַרדעקן ס'פּנים פאַרן שיסטן, געזאָגט, אַז אַ מענטש ווי ער, אַ זון פון מדבר, מוז מיט אָפענע אויגן באַגעגענען דעם טויט. און אַזוי איז ער געשטאָרבן.

כ'בין מיד פון זינד, שייך. כ'האָב אין מיין לעבן גערויבט, געהרגעט, פאַר איטלעכן פאַרברעכן באַלד געקראָגן אַ שטראָף. אָבער ס'איז ווייניק. וואָס וועט דאָס קינד פון מזרח וויסן פון כאַליל אַכמעד, דעם רויבער, דעם מערדער וואָס האָט געשניטן שטחים, אויסגעוואַנדערט וועגן, געוואָרפן זיין אימה אויף ישובים און דערפער? שטראָף מיך, שייך, שטראָף אַז דער צייכן פון זינד זאָל קיין מאָל נישט פאַרשווינדן, בלייבן אייביק, ווי ס'בלייבט אייביק אַמאַר, ווי ס'בלייבן אייביק די טעג פון "ראַמדאַן"...

דער שייך האָט אויסגעזויגן דאָס לעצטע שנירל רויך און אָפּגערוקט פון זיך די בייכיקע פלאַש. דאָס וואָס ער האָט דערציילט, דער פעלאַך, האָט קענטיק אים נישט אַרויסגענומען פון גלייכגילטיקייט און נישט געענדערט דאָס פולע תמימותדיקע פּנים. מיט אונטערגעבויגענע קניען האָט ער זיך אויפגעהויבן פון די געשטיקטע קישעלעך, פון די קאָלירטע קאָווראָן. ער האָט אַ צי געטאָן די ברעמען און זיך געווענדט צום פעלאַך.

— כ'האָב פאַר דיר אַ שטראָף, פעלאַך. נישט דאָס פאַרוואַנדלען אַ כופר אין אַ מאמין, נישט דאָס אויפשטעלן אַ מעטשעט אויף די חורבות פון אַ קלויסטער — נישט דאָס אַלץ וועט אָפּווישן די שפּורן פון דיין זינד, דאָס בלוט פון דיינע קרבנות שרייט צו דיר, זוכסט אַ שטראָף, וועסטו קריגן.

— נישטאָ נאָך ווי אַללאַ אונדזער גאָט און מאַכמעד זיין נביא! — איז דער פעלאַך געפאַלן אויפן פּנים.

דער שייך האָט זיך אַ קער געטאָן רעכטס, אין זיין גאַנצער גרויס זיך גלייכגעשטעלט, און ווייטער גערעדט:

— כ'וועל דיך איינשרייבן אין טאַאַריק[2] פון עזה. וועסט ווערן דער שוואַרצער פלעק אין דער געשיכטע פון דיין דאָרף, און איטלעכער וואָס וועט דערמאָנען דיין נאָמען וועט איינזאַפּן אין זיך דעם אייביקן האָט צו דיר און צו דיין אומריינער נשמה.

— נישטאָ נאָך ווי אַללאַ אונדזער גאָט און מאַכמעד זיין נביא! — איז דער פעלאַך ווידער אַ מאָל אַ פאַל געטאָן אויף זיין פּנים.

— איצט וואַש דיינע פיס — האָט דער שייך באַפוילן — רייניק דיינע לעפצן און גיב אָפּ אַ לויב פאַר אַללאַ און זיין חסד.

דער פעלאַך האָט געגאָסן פון אַ קרוג וואַסער אויף זיינע פיס, דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אָפּגעגעבן אַ געבעט צו אַללאַ. די רייד האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די שאָטנס וואָס זיינען געקומען פון די געהיוולטע ווענט, פון די אויסגעוועלבטע טויערן און געשפּרייט פינצטערניש.

ווען דער פעלאַך האָט זיך מער נישט גלייכגעשטעלט און געבליבן ליגן מיט הכנעה צו די פיס פון זיין ריכטער און געקושט דעם זוים פון זיינע קליידער, האָט דער שייך אַסמאַן פלייטיק געבלעטערט אין אַ בייכיקן ראָל פאַרמעט, ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ גענדזענע פעדער און ווי אַ פאַרצייטיקער שופט אַריינגעשריבן דעם פאַרברעכער אין דער געשיכטע פון עזה, אים פאַרצייכנט ווי אַ פלעק אויף קומענדיקע דורות.

2) — טאַאַריק - היסטאָריע

**משה שקליאַר**

## מיין שטאָט איז אין פייער

קנוילן רויך צום הימל גרייכן,
שוואַרצע קנוילן רויך.
פייער־פלאַמען – רויטע טייכן
רייסן זיך אַרויס פון ברעגן –
מויערן און דעכער
און מיט שטראָמען זיך באַוועגן
פון דער ערד
אַלץ העכער, העכער –
שוואַרצע קנוילן רויך.

שוין געפילט אַזעלכע רויכן,
שוין געזען אַזעלכע פלאַמען
ווען פאַרצוקט זיין האָבן קינדער
מיט מיין געטאָ־פאָלק צוזאַמען.
שוין געפילט אַזעלכע רויכן

און זיי שטיקן מיך אַצינדער,
נאָר כ׳בין נישט גרייט נאָך
אויסצוהויכן
לעצטן אָטעם אין דער פרעמד דאָ.

ווער האָט זיי אויף ס׳ניי צעצונדן
דאָ אין שטאָט דער פון מלאכים?
קאָן דען פייער היילן וווּנדן
וואָס די צייט האָט נישט
פאַרשטראָכן?
אָ, פאַרלעשט זיך, בייזע פלאַמען,
ס׳איז די שטאָט דאָך אַזאַ שיינע,
זאָל זי זיין צו אונדז אַ מאַמע,
זאָל זי זיין אויך מיינע, דיינע...

* * *

שטיל,
דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט,
מיין שטאָט –
אַ פאַרלאָש׳נער שייטער
קלייבט צונויף די אַשן.
דאָס פנים
נאָך נישט אָפּגעוואַשן
פון די וווּנדן
העלט שוין אויף
מיט קרומען שמייכל.
פאַרלוירן אויף אַ ווייל
דעם שכל

זי קומט צו זיך,
מיין שטאָט,
ווי אַן אבל
וואָס האָט זיך אַליין
באַגלייט
צום בית־הקברות
און איצט ער שטייט
פאַרלאָרן.
אָ, וואָס איז פון דיר געוואָרן,
שטאָט פון די אַנטלאָפענע
מלאכים!

ל.א., 1־ער מאי, 1992.

# זאָג מיר...

פאַר מיין שוועסטער
חיה שיבער

ס'האָט אַ שטורעם-ווינט
און רעגן
אונדז געשמיסן אין די אויגן
און איך געפּרוווט האָב דעמאָלט פרעגן –
צי ווייסטו ווו דו גייסט?
און דו – אַליין אַ קינד –
האָסט צו מיר זיך אָנגעבויגן
און געזאָגט:
– איך ווייס, איך ווייס..

אפשר איז געווען עס בלויז אַ טרייסט?

און איצט
נאָך אַזוי פיל בלוט
וואָס פאַרוואַשן קאָן נישט
קיין שום רעגן
קום איך ווידער פרעגן
אַ פאַרצוואָגענער פון שלאַקסן,
מיט אַלע פיינען אויף די אַקסל–
צי ווייטו ווו א י ך גיי?

זאָג מיר, זאָג מיר,
אַז דו ווייסט...
אויך דער טרייסטער
דאַרף אַ טרייסט.

* * *

פאַר ווענענס קעפּעלעך
די בלומען־קראַנצן?
דאָס פעלד איז ווייט,
די קעפּלעך מער נישטאָ...
איז ווער וועט טאַנצן
אינעם פייעררראָד
ביז צו פרימאָרגן־שעה,
ווי דעמאָלט,
ווי אַ מאָל?
צי קאָנען טאַנצן אַשן?
מיין גאָט,
ווער ווייסט דעם סוד?

2–טער יוני, 1992

עקיבא פישבין / פּאַריז

## "ניגונים פון אוישוויץ"*)

נגינה תציל ממוות! אָט וואָס פאַר אַ פּלא פּלאים ס'דערציילט אונז דער מוזיקער שמעון לאַקס אין זיין בוך "ניגונים פון אוישוויץ".

ממילא, אַז נגינה דערהייבט דעם מענטש עד לב השמים – דאָס ווייסן מיר, מחמת "דער קול הנגינה – האָט געלערנט דער בראַצלאַווער – איז דער מאַנטל פון דער שכינה". אָבער, אַז נגינה זאָל מציל זיין פון טויט?! –דאָס איז שוין בפירוש אַ נס מן השמים. שמעון לאַקס, דער פידלער, קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט, איז פון דער אוישוויצער אימפּעריע אַרויס מיטן לעבן אין זכות פון נגינה. ס'הייסט, אין בירקענאַו־לאַגער, דאָרט האָט ער זיין נפש מיטן כוח פון מוזיק מציל זיין נאָך געקאָנט. אָבער, בשעת דעם באַרימטן טויטן־מאַרש פון אוישוויץ, אין יענע פראָסטיקע טעג פון יאַנואר 1945, ווען די עס־עס רוצחים האָבן געטריבן די הויט־און־ביין לאַגערניקעס פון אוישוויץ אַרויס אין אַ צווייטן שאול־תחתיה אַריין; ווען אין ברענענדיקן גיהנום אויף די פאַרשנייטע שליאַכן פון דייטשלאַנד זענען מענטשן געפאַלן ווי פליגן – פון דאָרט אַרויסגיין מיטן לעבן איז דער זכות פון נגינה געווען נישט גענוג. דאָרט האָט מען געמוזט האָבן אַ זכות אין הימל.

נו, איז אויך דעם זכות האָט ער געהאַט, שמעון לאַקס, דער וואַרשעווער ייד, וואָס צום טויט איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרן פון פאַריז. אין דער אימפּעריע פון טויט, ווען ער האָט זיך אַ מאָל צען מינדעסטנס מיטן מלאך־המוות געזען אויג אויף אויג, איז אים על פּי נס געלונגען אַריינצוקומען אין לאַגער־אָרקעסטער. און היות ער איז געווען אַ מוזיקער, אַ שאַפער, איז ער באַשטימט געוואָרן פאַרן דירינענט פון אָרקעסטער.

דער בראַצלאַווער צדיק האָט געלערנט, אַז "אַלע ניגונים שטאַמען פון דעם מקום הקרושה". "די טמאה – איז דער איידעלער ייד געווען זיכער און איבערצייגט – קען נישט קיין געזאַנג". און דאָך; אויף דער אוישוויצער פּלאנעטע, אין דער אָ גיגאַנטישער טמאה, ווו דער צלם אלוהים איז אלף אלפים מאָל אין טאָג פאַרשוועכט און געשענדט געוואָרן – דאָרט האָט דער נאַצי באַצווינגען די הייליקע נגינה, זי פאַרגוואַלדיקט און זי

---

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע

מ י כ א ל מ י ר ס ק י: "ליבשאַפט און שטראָף", דראַמען, 219 זז', פאַרלאַג "ישראל־בוך", תל־אביב 1986. אין בוך קומען אַריין די פאָלגנדיקע דראַמאַטישע שאַפונגען: "דער חשבון", "דער נדר", "מענטשן נישט פון דער וועלט", "דער צווייטער שאָס און די ווייטערדיקע", "ליבשאַפט און שטראָף".

ב ע ר ל־ד ו ד מ ג י ד: "וואָס איך האָב צו דערציילן" – בלעטער פון אַ לעבן, 228 זז', פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, 1992.

"ד י ג אָ ל ד ע נ ע ק י י ט", פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, נומער 133, רעדאַקטאָר – אברהם סוצקעווער; רעדאַקציע סעקרעטאַר – אַלכסנדר שפּיגלבלאַט, תל־אביב, 1992.

"ד י צ ו ק ו נ פ ט", מאַי־יוני, 1992. פאַרגרעסערטער יובל־נומער לכבוד הונדערט יאָר־דערשיינען פונעם זשורנאַל.

איינגעשפּאַנט צו דינען די פּערפידע צילן פון עס־עס טיוול. דער עיקר־צוועק פון נגינה דאָרט, איז געווען העלפן די לאַגער־דיסציפּלין צו פונקציאָנירן. דהיינו? אין דער אוישוויצער וועלט פון מענטשן־פאַרניכטונג האָט מען די קאַצעטלער צו זייער קאַטאָרזשנער אַרבעט געטריבן מיט נגינה... מיט נגינה האָט מען זיי "באַגריסט" ביים צוריק קומען אין לאַגער, הגם נישט איין מאָל האָבן זיי מיט זיך געטראָגן זייערע טויטע אחים לצרה, אַז ביים אַפּעל זאָלן זיי חס וחלילה נישט פעלן. נישט מיט טרויער־מאַרשן האָט מען געשיקט און אויפגענומען פון דער אַרבעט די קאַצעטלער־שקלאַפן. ניין! געשפּילט דווקא האָט דער אָרקעסטער פּאַר זיי מאַרשן פריילעכע, לעבעדיקע, אַז דער טראָט זאָל פון די לאַגערניקעס זיין אַ מונטערער, אַ פעסטער, ווייל דער לאָזונג פון אוישוויץ איז געווען: "אַרבייט מאַכט פריי!".

אוישוויץ איז דער נעגאַטיוו פון דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן. דאָרט איז אַלץ געווען קאַפּויער – ווייס איז דאָרט געווען שוואַרץ, און שוואַרץ דווקא ווייס! מענטשלעכע געפילן זענען דאָרט געווען אַ פאַרברעך, און אַ לאָגישער אופן טראַכטן – אַ סימפּטאָם פון משוגעת. אין דעם אָ נעגאַטיוו פון אַ מענטשלעכער וועלט האָבן "געאַרבעט" עס־עס לייט און די "פּראָמינענטע" לאַגערניקעס, זייערע משרתים. פאַר זיי, פאַר די אָ נבזהדיקע רוצחים, איז אַן "אַרבעט" אין דער מאָרד־אינדוסטריע געווען דאָס זעלבע, ווי פאַר אונזערס גלייכן זיין באַשעפטיקט אין אַ ווירטשאַפטלעכן צווייג פון מענטשלעכן לעבן; ס'הייסט – אַ פשוטע עקזיסטענץ־באַשעפטיקונג.

בטבע, דאַרף אַ מענטש נאָך דער אַרבעט – אָנטשפּאַנונג. אויך דער מאָרד־פּערסאָנאַל האָט אַזאַ באַדערפעניש געהאַט. די דאָזיקע פונקציע האָט מען איבערגעגעבן צו שמעון לאַקסן און זיינע חברים מוזיקער. געוואַלדיקע געברויכן, וואָס אַן אמת, האָט די לאַגער־אַריסטאָקראַטיע נישט געהאַט – אָט אַ מאַרש, אַ פאָלקס־ליד וכדומה. נאָר ווי אַ ווינד איז צו שמעון לאַקסן געווען, ווען בעת די פּראָבעס האָט זיך דערנענטערט פון דער ווייטנס אַן עס־עס־מאַן און דער אָרקעסטער האָט אים נישט באַגעגנט מיט זיין באַליבטן ניגון.

יעדן זונטיק נאָכמיטאָג איז אין בירקענאַו, אויפן באַפּעל פון לאַגער־קאָמענדאַנט, פאָרגעקומען פאַרן עס־עס עולם אַ קאָנצערט אויף דער פרייער לופט. אויך די קאַצעטלער איז געווען דערלויבט בייצווווינען. מען דאַרף זאָגן דעם אמת – דער לאַגער־פירער שוואַרצהובער איז געווען אַן אוהב נגינה. אויך די אַנדערע נאַצישע מערדער האָבן ליב געהאַט אַ ניגון. הערט – ס'איז פלא פלאים – ווען אַן עס־עס־מאַן האָט זיך צוגעהערט צו אַ באַליבטער מעלאָדיע "פלעגט ער באַקומען אַ מענטשלעכן אויסזען – שרייבט שמעון לאַקס – זיין שטימע האָט פאַרלוירן די שטענדיקע האַרבקייט און אַליין איז ער עפּעס געוואָרן אַנגענעמער. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, כאילו אַ גלאַנץ פון מענטשלעכע טרערן". און דער מחבר שטעלט אַוועק די קשאה: "מענטשן וואָס קאָנען הערן מוזיק מיט טרערן אין די אויגן זאָלן זיין פעיק אויף רציחות איבער אַנדערע מענטשן?" (ז. 84)

נו, טאַקע אַזוי, ווער איז דאָס בכוח מסביר צו זיין?!

אָדער הערט, למשל אַזאַ זאַך. דער אונטערשאַרפירער היינריך בישאָף האָט ליב... יידישע ניגונים! פון וואַנען נעמט זיך צו אים עפּעס אַזעלכעס, ווייסט איין גאָט אין הימל. ער פלעגט אַריינקומען אין געהיים צו די מוזיקער אין באַראַק און בעטן מען זאָל אים פאַרשפּילן אַ יידישן פיזמון; נאָר שטילינקערהייט. מחמת, ראשית, האָט ער מורא פאַרן

דרויסן, והשנית – שטילערהייט קומט אַרויס דער ניגון סענטימענטאַלער... בשעת אַזעלכע מוזיקאַלישע "וויזיטן" פלעגט איינער שטיין אין דרויסן אויף דער וואַך, טאָמער דערנענטערט זיך אַן אומגעבעטענער גאַסט, זאָל געגעבן ווערן אַ סימן; און אין באַראַק האָבן די מוזיקאַנטן דעם נאַצי מכבד געווען מיט יידישער נגינה. אָבער לאַנג האָבן די געהיימע קאָנצערטן נישט אָנגעהאַלטן. אַ סברא, אַז אַ קלאַנג מכוח בישאָפס געשמאַקן איז דערגאַנגען צו די אויערן פון לאַגער־פירער.. אַ שיינעם טאָג איז בישאָף געגאַנגען פאַר אַ כפרה. מ'האָט געזאָגט, אַז מ'האָט אים משלח געווען אויפן פראָנט. (86.ז)

אַ גאַר באַזונדערער עקזעמפּליאַר איז דער עס־עס־מאַן פּערי בראָאַד – אַ גאַר אָפּטער איינגייער ביי די מוזיקער. ער איז געווען אַליין אַ מוזיקער מיט טאַלאַנט, אַ געבענטשטער ווירטואָז, אַ מייסטער אויפן פאָלקסטימלעכן גאַרמאָשקע־אינסטרומענט, פון וועלכן ער פלעגט אַרויסבאַקומען אַ סך מוזיקאַלישע עמאָציע. ער פלעגט אָפט קומען שפּילן אין באַראַק – שפּילן סאָלאָ, אָדער אין באַגלייטונג פון אַנדערע מוזיקער. און אַז ווען דער עס־עס־מאַן בראָאַד האָט גענומען אימפּראָוויזירן אויף דער גאַרמאָשקע, האָט מען איצט געזען, אַז אַן אַרטיסט פון אַ הויכן ניוואָ קאָן אַפילו פון אַזאַ אינסטרומענט אַרויסבאַקומען אַ נגינה, זי זאָל גרייכן עד לב השמים. בראָאַד איז געווען אַ שטאַרק פילבאַרער מוזיקער. נו, איז וואָס זשע וועט איר זאָגן דערצו, אַז דער אָ בראָאַד, דער וואונדערלעכער מוזיקער, איז גאָר געווען אַ שוידערלעכער מאַסן־מערדער! נישט געקוקט אויף זיינע 22 יאָר האָט ער געהערט צו די שפּיצן פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג און דעצידירט וועגן אַוועקשיקן גרופּנווייז מענטשן אין די קרעמאַטאָריעס... ער האָט אויפן געוויסן דאָס פאַרברענען טויזנטער ציגיינער און נאָך אַזוי פיל טויזנטער טשעכן...

קאָן מען אַזאַ זאַך באַגרייפן?! וואָס פאַר אַ מין נשמה האָט געשטעקט אין דעם אָ זעלטענעם מוזיקער?!

אין איינעם אַ זונטיק איז אין בירקענאַו, אויף דער פרייער לופט, פאָרגעקומען אַ קאָנצערט. דער פּאָדיום, אויף וועלכן די מוזיקער האָבן געשפּילט, איז געשטאַנען האַרט כמעט ביי די דראָטן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט פון פרויען־לאַגער. דער אָרקעסטער האָט געהאַלטן אין שפּילן אַ פראַגמענט פון עפּעס אַ דייטשישער אָפּערעטע מיט אַ קאָמפּליצירטער סאָלאָ־פּאַרטיע אויף פלייט.

ד"ר מענאַשע, אַ טאַלאַנטירטער פלייט־ווירטואָז, איז שטאַרק באַפליגלט פון דער מוזיקאַלישער פראַזע; אַריינגעטאָן אין איר אויספירונג בלב ובנפש, האָט ער אַפילו נישט באַמערקט, אַז פון דער צווייטער זייט דראָטן ווערן אָנגעלאָדן לאַסט־אויטאָס מיט פרויען, וועלכע דאַרפן אַוועקגיין אין דער ריכטונג צו די גאַז־קאַמערן. ד"ר מענאַשע האָט ענדלעך פאַרענדיקט. ער איז שטאַרק צופרידן פון זיין געשליפענער אויספירונג. מיט אַ שמייכל לייגט ער אַוועק דעם פלייט אויף דער קני. ער איז באמת צופרידן פון זיך.

אין איינעם פון די אָנגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס האָט זיך געפונען די טאָכטער פון ד"ר מענאַשע אויפן וועג צום טויט...

אָט, וואָס הייסט ניגונים אין אוישוויץ!

---

*) Szymon Laks - "Music of Another World"
Northwestern University Press, Evanston, Illinois

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשע פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט (213) 552-2007

## פיניע פלאָטקין *)

# דער אַלטער דעמב

אים, מיט זיינע וואָרצלען, איז באַקוועם
צו דער וועלט זיך ווענדן אַלע ווײַלע.
זוכט ניט די חסרונות ביי אַ דעמב
גרינגער איז געפינען זיינע מעלות.

זיי זיינען ביי אים געגוג פאַראַן,
און דעריבער קומט אים אָפשיי, כבוד...
זאָל אים אויף דער עלטער רואיק זיין
אויף דעם שטיקל ערד פון מיינע אבות.

דאָרטן פלעג איך אָפט מיט ביידע הענט
קלייבן יאַגעדעס און שוואָמען גוטע
– – – – – – – – – –
זי איז מיר אַ שטיפמוטער געווען,
אים איז זי געווען אַ צאַרטע מוטער.

* * *

מיר איז ניט פערציק יאָר אַצינד, ניט פופציק,
ביי מיר די יאָרן אויסגעווילטע זוך ניט.
ניט זוך זיי ווי הכנעה זוכט אַ מענטש אַן עקשן,
ניט זוך זיי טיף אין וואַלד, וווביימער וואַקסן,
ניט זוך זיי אין דער פרי, נאָר שפּעט אין אָסיען,
גלייך ווייטע קרובים זוכט אין שטאָט אַ יותם,
גלייך אין קינאָ, אויף דעם עקראַן, איך וואַנדער –
כ׳דערצייל, כ׳דערמאָן זיך און פאַרשרייב,
כ׳קלייב זיך פונאַנדער...
און ס׳ווערט ניט אומעטיקער מיר, ניט פרייִלעך־לוסטיק.
מיר איז ניט פערציק יאָר אַצינד, ניט פופציק.
איך ווייס פון האַרצווייטיק געגוג – כ׳וועל ניט פאַרגעסן.
ניט גרינג איז מיר געווען אַ מאָל, אַצינד ניט בעסער.

---

*) דער דיכטער פיניע פלאָטקין איז נישט לאַנג צוריק געקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס, ווו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער תושב. ער איז געבוירן געוואָרן אין באַברויסק, ווייסרוסלאַנד, אין 1915. אין 1939 פאַרענדיקט דעם ליטעראַריש־לינגוויסטישן פאַקולטעט פון מינסקער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנטייל גענומען אין דער פאָטערלענדישער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד. נאָך דער מלחמה געאַרבעט אַלס לערער. דעביוטירט מיט אַ ליד אין 1934 אין דער מינסקער צייטונג "דער יונגער אַרבעטער". זיך געדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד" און אין אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס.

ישראל גובקין

# שלמה המלך און דאָס אָרעמע ייִנגעלע
## (דערציילונג)

שלמה המלך האָט זיך אַ מאָל אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף אַ דערשראָקענער און אַ טרויעריקער. וואָכן און חדשים זײַנען אַוועק און דער מלך איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער און דערשראָקענער. בײַנאַכט האָט ער ניט געקענט שלאָפֿן און בײַטאָג פֿלעגט ער אַרומגיין איבער זײַנע פּאַלאַצן און וווּנדער־גערטנער און געהאַלטן און איין מורמלען:

– "הבל הבלים, הכל הבל"־נאַרישקייט פֿון נאַרישקייטן־אַלץ איז נאַרישקייט.

ער האָט פֿאַרנאַכלעסיקט זײַנע מלוכה־פֿליכטן. ביים מלוכה־ראַט איז געמאַכט געוואָרן אַ פֿאָרשלאָג, אַז מע זאָל אים אַרונטערזעצן פֿון טראָן און אויף זײַן אָרט קרוינען דעם יורש־עצר, זײַן זון רחבעם.

די יונגע אַריסטאָקראַטן צווישן די יועצים האָבן געשטיצט דעם פֿאָרשלאָג. רחבעם איז געווען זייער חבר און פֿרײַנד. ווען ער וועט הערשן, וועלן זיי ווערן די פּאַקטישע פֿירער פֿון דער מלוכה, און וועלן פֿאַרזיכערן פֿאַר זיך און זייערע מקורבים די בעסטע שטעלעס אין צינזן־אַמט און אין דוד מיליטערישער פֿירונג.

די עלטערע יועצים פֿון מלוכה־ראַט, אָנגעפֿירט פֿון בניהו בן יהוידע, דער פֿעלד־מאַרשאַל און יוגנט־פֿרײַנד פֿון שלמה המלך, האָבן אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאָג, זיי האָבן געקענט רחבעמען ווי אַ שוואַכלינג, וואָס לאָזט זיך אויסנוצן פֿון די יונגע אַריסטאָקראַטן און פֿאָלגט זייערע עצות, ווי ס'האָט זיך טאַקע שפּעטער אַרויסגעוויזן, ווען ער איז נאָך זײַן טאַטנס טויט געוואָרן מלך. צוליב רחבעמס פֿאָלגן זײַנע חברים, איז די מלוכה צעטיילט געוואָרן. שלמהס ביטערער שונא, ירבעם בן נבט, איז געוואָרן הערשער פֿון די צען רעוואָלטירנדיקע שבטים, און רחבעם איז געבליבן מיט די צוויי שבטים, יהודה און בנימין, און ירושלים.

* * *

קיין מיטל האָט דעם פֿאַרומערטן שלמה ניט געהאָלפֿן, ניט די רפֿואות פֿון זײַנע לייב־דאָקטוירים, ניט דאָס זינגען און טאַנצן פֿון זײַנע שיינע טענצערינס, און אַפֿילו ניט די אַקראָבאַטישע שטיק און קאָמישע אײַנפֿאַלן פֿון די הויף־נאַרן און לצים. וואָלקנס פֿון טרויער האָבן פֿאַרטונקלט זײַן פּנים און ער איז, ממש, אײַנגעגאַנגען פֿון טאָג צו טאָג. זײַנען זיך ווידער צונויפֿגעקומען די קעניגלעכע יועצים און גוטע פֿרײַנט צו זוכן אַן עצה און אַ מיטל ווי צו פֿאַרטרײַבן די מרה־שחורה פֿון קלוגן און גוטן מלך. בניהו בן יהוידע האָט זיך אָנגערופֿן און געזאָגט:

– מײַן מיינונג איז, אַז מע זאָל פּרובירן היילן אונדזער מלך מיט קינדעריש געלעכטער; ער האָט דאָך אַזוי ליב קינדער, און דאָס קען אַ מאָל זײַן די בעסטע רפֿואה פֿאַר אים. האָבן די דאָקטוירים זיך אויסגעלאַכט דערפֿון, אָבער די חכמים האָבן צוגעשטימט, און אַ באַפֿעל איז געגעבן געוואָרן, אַז מע זאָל צונויף זאַמלען פֿון דער גאַנצער מלוכה און ברענגען קיין ירושלים שפּילעוודיקע, לאַכנדיקע קינדער כדי געזונט צו מאַכן דעם מלך מיט קינדערישער פֿרייד פֿאַרטרײַבן זײַן דערשלאָגנדיקן אומעט.

די רײַכע אַריסטאָקראַטן פֿון לאַנד האָבן אָנגעפֿילט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ אין ירושלים מיט זייערע קינדער, וואָס זײַנען אַרומגעשפּרונגען ווי ווילדע בעק איבער די

קעניגלעכע צימערן און הויפן. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די פּעזאַנען, עקזאָטישע פייגל און טורטל־טויבן, און אָנגעטאָן אַ סך שאָדן; אָבער קיינס פון זיי האָט ניט געלאַכט קינדעריש, האַרציק און פריילעך, צו דערפרייען דאָס האַרץ פון טרויעריקן מלך. זייער געלעכטער איז געווען ווילד און קוויטשענדיק. ווען שלמה פלעגט עס דערהערן. פלעגט ער זיך פאַרשטאָפּן די אויערן, זיך פאַרשפּאַרן אין זיין שלאָף־צימער, ווו ער פלעגט אַרומשפּאַנען שעהן־לאַנג פאַרזונקען אין יאוש, מומרמלענדיק זיין אומעטיקן "הבל הבלים, הכל הבל" – אַלץ איז נאַריש.

נאָר האָט מען איין מאָל געבראַכט אַן אָרעם יינגעלע פון אַ דערפל אין די גליל־בערג אין צפון. זיינע קליידער־אַלט און געלאַטעט, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע; די ברוינע, פאַרהאַרטעוועטע פיסעלעך אין צעטרענצלטע סאַנדאַלן, און די הענטעלעך – שוואַרץ, אָפּגעברענט און פאַרגרעבט; די האָר אויפן קאָפּ – ניט געשוירן און זייט פאַרקעמט; דאָס פנימל־ניט איבעריק ריין, נאָר די צוויי שוואַרצע אויגן זיינע האָבן אַרויסגעבליצט מוטיק און פריי פון אונטער דעם שטערן.

מע האָט אים ניט באַדאַרפט הייסן לאַכן. ווי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון פּראַכטפולן אויפנעם־צימער אין קעניגלעכן הויפּט־פּאַלאַץ און דערזען דעם דערשראָקענעם און פאַראומערטן שלמה המלך, זיצנדיק אויף זיין הויכן טראָן מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, האָט ער זיך צעלאַכט. אין זיין לאַכן האָט זיך געפּילט די בלאָע טיפקייט פון די שפּילנדיקע ים־כנרת־וואַסערן, די ברייטקייט פון געבענטשטן יזרעאל־טאָל און די ליבלעכע מילדקייט פון ניסן־ווינטלעך צווישן די צעדערן פון לבנון.

דער מלך איז געזעסן אויף זיין טראָן און זיך צוגעהערט צום יינגעלעס געלעכטער. די וואָלקנס פון אומעט האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן פון זיין פנים. די קנייטשן אויף זיין שטערן האָבן זיך פאַמעלעך געגומען אויסגלייכן. אַ ליכט פון פרייד האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אומעטיקע אויגן. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט אויף זיין פנים. בניהו בן יהוידע האָט זיך צעלאַכט. אַלע אַרומיקע חכמים, יועצים און דאָקטוירים, האַרן און קנעכט, טענצערינס און הויף־נאַרן, חיות און פייגל האָבן מיטגעלאַכט. דער פּאַלאַץ האָט געדונערט מיט געלעכטער.

דאָס געלעכטער האָט זיך דערקייקלט צום באַרג מוריה, ווו דער בית־המקדש איז געשטאַנען. די כוהנים מיט די לוויים זיינען זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער. נתן הנביא האָט מיטגעלאַכט. די שטאָט ירושלים האָט געלאַכט און גאַנץ ארץ־ישראל האָט מיטגעלאַכט.

* * *

אין עיר־דוד ווו ס'איז אַ מאָל געשטאַנען שלמה המלכס הויפּט־פּאַלאַץ, הערט זיך פון צייט צו צייט אַ הילכיק קינדעריש געלעכטער. דאָס איז דער ווידער־קול פון אָרעמען יינגעלעס געלעכטער, וואָס האָט אויסגעהיילט פון אומעט און שרעק דעם חכם מכל אדם – דעם קלוגסטן יידישן מלך...

## חיים קעניגער / פּאַריז

* * *

דער ווינט פֿאַריאָגט דעם טאָג
און רויבט פֿון אים די שיין,
פֿאַרטיידיקט זיך דער טאָג
פֿאַרן פֿאַרגיין.

די נאַכט ברענגט נישט קיין גליק.
אין איר לעשן זיך די שטערן
און ס'פּינצטערט דער בליק
ביז דער טאָג ווערט אויף ס'ניי געבוירן.

די פֿאַרלאָשענע טעג קומען אין זינען
און ברענגען אַמאָליקע זאָרגן;
איך דערפֿיל דערינען
ווי זיי שורשען פֿאַרבאָרגן.

אויף דער גליקלעכער ערד, אומעטום
האָט גאָט זיין וווּנדער באַוויזן,
און איך בלאָנדזשע שטום,
פֿאַרזיכער מיין געוויסן...

* * *

אומבאַקאַנט איז מיין נאָמען,
און דאָס האַרץ וואָס כ'טראָג
פֿילט נישט די שעה אין קומען –
געגאַר איך די צייט און זאָג:

האָב געדולד; ביסט ווערט
אין שווייגן מיט מיר פֿאַרלעבן
אַלץ וואָס איז באַשערט
און מיר געגעבן.

גייען מיר באַנאַנד און הערן
די אָפּגעשפּאַרטע טריט קוים, קוים,
ווו אַלץ קלערט זיך אויס אין ווערן
אין מרחק פֿון צעשטראַלטן רוים.

מיט ייִחוס־בריוו פֿון דערטרונקענעם חלום
באַגלייטן מיינע טריט די זון־שטראַלן;
זיי לעבן מיטן מולד בשלום
און ברענגען מיר אַ היים פֿון דאָרטן די סיגנאַלן.

* * *

איך פֿיל פֿון דער ווייטנס די שטילקייט
און זע דאָרט מיין שאָטן.
ווען די זון אין שקיעה פֿאַרגייט

בלייבט דער פלעק אויפֿן הימל געראָטן.
אין וויברירן ער פֿאַרשפּינט די שטערן
אין קרייזן אַרום דעם הימל,
אין זיין און ווערן
מיט די וואָלקנס אין געווימל.

* * *

דער רעגן־בויגן מיט פֿאַרכישופֿטע קאָלירן
באַשיינט די הייכן פֿון רוים
און גלייביקע מיט אים זיך באַצירן
ווי די צייט אין צוים.
זי פֿליסט פֿון די הייכן ביזן תהום
און באַהאַלט זיך אין ראָד פֿון באַוועג
אין איר מרכבה פֿון רוים,
אין בלענדיקן שיין פֿון וועג.

---

**הינדע זאַרעצקי** / ניו־יאָרק

## ראָבינזאָנס שטיבל
### (מיין דירה)

כ׳בין אַרויס אויפֿן טראַקט
אַניאָגן די בריק
ווו מ׳פֿלעגס ריידן
זיך קריגן
איבער אַ ליד
איבער אַ באַלאַדע
אַ סאָנעט
מענקע קאַץ
דער ערשטער
פֿלעגט אויסלייענען
פֿיר סאָנעטן
אויף איין מאָל!
שטאָלצנבערג
ט׳ליב געהאַט
הערן מענקען
וועגן זייגערלעך
מענקע פֿלעגט לייענען
און ס׳איז געווען גוט
צו הערן און הערן...

## צו פּלאַנעט סאַטורן

כ׳שרייב צו דיר
פֿון מיין ראָבינזאָן קרוזאָ שטיבל:
כ׳האָב פֿאַרלוירן אַלע אַדרעסן
פֿון מיינע פֿריינד!
דו וויקלסט דיין ליכט־שנור
ליכט פֿאַר אַלעמען!
אָן קינאה
אָן שינאה
ס׳קרייזט אין דיין
אָרביט־
אויפֿן קלענסט פּלאַנעט

ד י ע ר ד
קרייזט אונטער די שטערן, אונטער דער לבנה
דער קלוגער פּלאַנעט - יופּיטער
גיט זיין ברכה:
ניטאָ וואָס צו איילן, ניטאָ וואָס צו איילן.

חנן קיעל / ניו יאָרק

# חנן אַיאַלטי

## 1992 – 1910

1

ס'איז נישט קיין זעלטנקייט אַז אַ שרייבער וואָס האָט יאָרלאַנג באַווירקט דעם לייענערישן עולם מיט זיינע קינסטלערישע שאַפונגען זאָל פּלוצעם, צוליב אומוויסיקע סיבות, נעלם ווערן פון אונדזער ליטעראַריש וועלטל אָן אַ שפור, צומאָל אָן אַן אַדרעס. מיט דער צייט הערט מען אויף זיך נאָכפרעגן ווו איז אַהינגעקומען יענער באַליבטער פלוני בן פלוני. דאָס איז געשען מיט דעם נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם נאָוועליסט חנן אַיאַלטי, וואָס האָט אין זיין צוואה געבעטן, אַז דער פּען־קלוב זאָל אים דערמאָנען אין די שלושים.

איך בין זיך מודה, אַז אין מיין ביסל אַקטיווקייט אין די 80ער יאָרן אין פּען־קלוב האָב איך נישט געהאַט קיין געלעגנקייט זיך פּערזענלעך צו באַקענען מיט אַיאַלטי, אַ חוץ דורך זיינע דערציילונגען און ביכער. און ווען מיינע חברים האָבן מיר פירגעלייגט צו רעדן וועגן אים אויף דער ספּעציעלער־פאַרזאַמלונג, האָב איך געטראַכט: וואָס קען זיין אַ וויכטיקערער אויסדרוק פונעם "צדק לפניו יהלך" פאַרן שרייבער, ווי זיינע ליטעראַרישע מעשים טובים.

איז אוודאי כדאי זיך צו פאַרטיפן און פראָבירן פאַרשטיין די קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט פון אַ שרייבער אין אונדזער תקופה, וואָס ער האָט געלעבט ביזן ראַנד פון אַזאַ טראַגישן און צערודערטן יאָרהונדערט און אַ צעקריגטער געטרונקען פון כוס תמרורים די ביטערקייט און פּיין ביזן סוף פון זיין לעבן.

חנן אַיאַלטי האָט געהאַט דעם וונדערלעכן טאַלאַנט און קלוגשאַפט צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן די מענטשלעכע טבע, זיינע עמאָציעס און פאַרבאָרגענע אינסטינקטן, וואָס קומען קאַפּויער אַ מאָל ברוטאַל, אַ מאָל קאָמיש, אַ מאָל גראָטעסק אָדער טראַגי־קאָמיש. זיין דערציילונג פאַרמאָגט אַ זעלטענע מאַגיק וואָס האַלט געשפּאַנט און פאַרגעדענקט זיך. ס'איז אַן אַלטער כלל, אַז דורך די ווערק פון אַ קינסטלער קען מען זיך דערגרונטעווען צו די ביאָגראַפישע מיסטעריעס פון זיין נשמה. לייענענדיק די קרעפטיקע שילדערונגען פון צייט, סביבה, טיפּן, די פאַרפּלאָנטערטע סיטואַציעס אין שפּינגעוועב פון לעבן, וואָס איז אָפט אַ דזשונגל־ציוויליזאַציע און וואָס דער עראָס־ליבידאָ דאָמינירט מששת ימי בראשית; די שטרייטיקייטן פון די קליינע מענטשן־קינדער און מער פון אַלץ אונדזער יידישער געראַנגל פאַר אָטעם, פאַר אַ פּינטעלע ערד אונטער דער זון, פאַר רעכט פו פאַלקישן קיום, איז נישט שווער צו פאַרשטיין דעם שרייבער, זיין אומרו, קאָנפליקטן און אַנטוישונגען. חנן אַיאַלטין איז שווער צו אַקצעפּטירן די ווירקלעכקייט און שווער פון איר צו אַנטלויפן. ווי האָט שפּינאָזאַ פאַרענטפערט דעם באַשייד: "נישט לאַכן, נישט וויינען נאָר פאַרשטיין". אין אַיאַלטיס שפּיגל לאַכט די ווירקלעכקייט פון זיך אַליין אַ לאַכן וואָס טוט ווי, אַ קאָמיזם וואָס דרינגט אַרויס פון טראַגישן גורל.

ווי אַ דוגמא וועלן מיר אילוסטרירן די דערציילונג "אויף דער בירזשע פון אייביקייט". יידישע שרייבער קומען אָפט אין אַ ניו־יאָרקער קאַפעטעריע, אַ מין בירזשע, זיך צו פאַרשאַפן אַדרעסן צו פאַרקויפן זייערע ביכער. דער פּאָעט איסר קראַסני איז אָנגעפּראָפּט מיט אַדרעסן פון לייענערס איבער גאַנץ אַמעריקע. ער האַלט זיי אין די שופלעדער

אויסגעסדרט. פֿאַר די לעבעדיקע לייענערס באַזונדער און פֿאַר די וואָס זיינען שוין אויפֿן עולם האמת באַזונדער. האָט נעבעך געטראָפֿן אַן אומגליק און די סעקרעטאַרשע האָט פֿאַרביטן די קאַרטאָטעקעס און אַרויסגעשיקט זיינע ביכער אויף די יאָרצייט־אַדרעסן און אַלע דריי הונדערט לידער־ביכער זיינען צוריקגעקומען.

אַ צווייטע דערציילונג "פֿאַר דעם צוקונפֿטיקן היסטאָריקער" איז נוגע אונדזערע אַרגלויביקטע קולטור־און שול־טוער, פֿאַרוואַלטערס, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין זייער אַקטיווקייט פֿון זיצונגען, אונטערנעמונגען, קענוועסן תלמידים, הייסע דעבאַטעס וועגן אַ שול־יום טוב מיט אַלע דעטאַלן: דער לערער איז פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, אונטערט אים דער פּאָרזיצער: פֿאַרשרייבט די באַשלוסן, זאָל דאָס בלייבן פֿאַרן צוקונפֿטיקן היסטאָריקער. דער שרייבער גיט צו סאַרקאַסטיש, אַז סיי דער לערער סיי די מייז ווייסן אַז דער צוקונפֿטיקער היסטאָריקער וועט די פּראָטאָקאָלן קיין מאָל נישט זען פֿאַר די אויגן...

אַיאַלטי איז אַליין מסתמא געווען דער לערער און אָבסערווירט די שול־טעטיקייטן, די אָרעמקייט, די קאָנפֿליקטן פֿו עלטערן און קינדער; יידישע שול אונגווישע גאַס, טראַדיציע און וועלטעלכקייט, דעם שקיעה־דור וואָס האָט נאָך געלעבט מיט דער בענקשאַפֿט פֿון דער מזרח־אייראָפּעיִשער פֿיל־קאָליריקער ירושה, דעם הייסן געראַנגל פֿאַרן קולטור־המשך פֿון יידיש לשון. אַיאַלטי האָט נישט די אמונה אין דעם צוריק־אויפֿלעב פֿון זיין פֿאַרלוירענער וועלט און דערפֿאַר – זיין ביטערער סאַרקאַזם אין שילדערן אונדזער סביבה, וואָס איז אויך זיינע.

2

פֿון די קאַרגע אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם שרייבער ווייסן מיר, אַז זיין אמתער נאָמען איז קלענבאַרט, געבוירן 1910 אין סאָפּעטקין, אַ שטעטל ביי גראָדנע. ער קומט פֿון אַ פֿרומער היים, אָנגעזאַפּט מיט טראַדיציע און ישיבה־וויסן און וואָס תורה אונגמרא ווערטלעך זיינען געווען פֿאַרוועבט אין טעגלעכן גערייד און אין פֿאָלקלאָר. דערפֿאַר איז אַזוי רייך זיין לשון און סטיל.

אין דער וואַקסנדיקער אומזיכערקייט פֿון יידיש לעבן, אין געווימל פֿון אידעאָלאָגיעס איז אַיאַלטי געווען אַקטיוו אין השומר הצעיר און אין 1929 האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל. דאָרט איז ער מיט־גרינדער פֿון קיבוץ אַילת השחר און אַזוי האָט ער אַדאָפּטירט דעם נאָמען אַיאַלטי. אין 1934 איז אַרויס זיין בוך אין העברעיש, במחילות. ס'האָבן אָבער נישט געפֿעלט סיבות פֿאַר אַנטוישונגען און ער איז יורד קיין פּאַריז. ער איז אַקטיוו אין דער לינקער באַוועגונג שטודירט אין דער סאָרבאָנע און אין 1936 באַטייליקט ער זיך ווי אַ קאָרעספּאָנדענט אין שפּאַנישן בירגער־קריג. מיר געדענקען די יידישע יונגע אידעאַליסטן פֿון דער גאַנצער וועלט וואָס זיינען געקומען קעמפֿן אין די אויסלענדישע בריגאַדעס צו ראַטעווען די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע פֿון דער פֿראַנקאָ־אינוואַזיע, "פֿאַר אייער און אונדזער פֿרייהייט". דאָ קומט אַ נייע אַנטוישונג. שנאה קעגן אייגענע חברים, אַנטיסעמיטיזם, פֿאַרדראָס, חרטה. ער זעט מיט צער די ישראל־יוגנט וואָס איז מקריב אירע לעבנס אומזיסט. די געשיכטע איבערחזרט זיך ווי אַ מאָל די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, וואָס ביאַליק האָט געמוסרט "אכן גם זה מוסר אלהים", "געוויס איז דאָס אַ שטראָף פֿון גאָט וואָס איר זייט פֿאַלש אייער אייגן האַרץ... איר בויט פּאַלאַצן פֿאַר אייערע האַסערס... און ווען סבלוטיקט אייער לייב אין

שונאס צײַן דערלאַנגט איר אים אויך די נשמה...״ אַיאַלטיס אָבסערוואַציעס און דערפאַרונגען אין יענעם בירגער־קריג שפּיגלען זיך אָפּ אין ראָמאַן ״דער האָטעל וואָס עקזיסטירט נישט״. אַנדערש פון העמינגווייס – For Whom the Bell Tolls ברענגט אַיאַלטי אַרויס דעם יידישן תמימותדיקן אידעאַליזם, די ליבעס, אַנטוישונגען און פאַראורטיילן פון די גויישע קאַמעראַדן קעגן זייערע יידישע קאַמפּס־חברים.

ער האָט איבערגעלעבט די נאַצישע אינוואַזיע אין פּאַריז, געווען אין ווישי אינטערנירט אין אַ לאַגער, געצײלטע יחידים וואָס האָבן באַקומען אויסלענדישע וויזעס האָבן געהאַט דאָס מזל זיך אַרויסצוראַטעווען. און 1942 קומט אַיאַלטי מיט זיין פרוי און קינד אָן אין מאָנטעווידעאָ, אורוגווײַ, און 4 יאָר שפּעטער וווינט ער שוין אין ניו יאָרק. ער אַרבעט ווי אַ לערער, קאָרעקטאָר און אַ צייט געווען רעדאַקטאָר – סעקרעטאַר פון ״יידישער קעמפער״, ווו ער האָט אָפּט געדרוקט זיינע דערציילונגען, אין בוכפאָרם זיינען דערשינען צווישן אַנדערע ״טאַטע און זון״ ״ווייטער פון ברוקלין״ וואָס האָט פריער געדרוקט זיך אין ״פאָרווערטס״ אין המשכים; ״דער האָטעל וואָס עקזעסטירט נישט״, ״דער מאַן פון לע מיל״, ״דער טשעק און די אייביקייט״ א.א. וו. זיינע ביכער זיינען געוואָרן איבערזעצט אין העברעיש און אין אַנדערע שפּראַכן. דאָס בוך ״טאַטע און זון״ וואָס איז אין 1943 פּרעמירט געוואָרן מיטן פּרעסטיזשפולן לואיס לאַמעד פּרייז, איז אַ וויכטיק ווערק וועגן יידיש לעבן אין פראַנקרייך אין די דרייסיקער יאָרן און בימי הנאצים ימח שמם, ווען יידן האָבן זיך געראַנגלט יעדן טאָג זיך צו ראַטעווען פו ןדי דייטשע תלינים און פראַנצויזישע קאַלאַבאָראַטערס. אפשר בלויז ״דער לעצטער פון די לייוו״ פון אַנדריי שוואַרצבאַרד קען זיך פאַרגלייכן קינסטלעריש מיט ״טאַטע און זון״.

אַיאַלטי, וואָס איז געקומען פון פּוילן, האָט טיפער אַריינגעדרונגען אין אונדזער טראַגעדיע, ווי דאָס האָט באַוויזן דער אַסימילירטער אַנדריי שוואַרצבאַרד. די נאָוועלע איז באַזירט אויפן לעבן פון אַן עמיגראַנטישע יידישע משפחה, סאָקאָלאָווסקי, וואָס איז געקומען פון טראַדיציאָנעלן פּוילישן שטעטעל קיין פּאַריז און דורך די יאָרן זיך אַרויפגעאַרבעט פון פלעצל״ צו די בולוואַרן, ווו ס׳וווינען די רייכע, פון לאַנג־אַסימילירטע פראַנצויזישע יידן.

דער זון זשאַק ווערט מיטגעריסן מיט דער לינק־סטודענטישער יוגנט, מיט גלויבן אין אַ קאָמוניסטישער צוקונפט און מיט העלפן דער שפּאַנישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. אין די אַקטיווע צוזאַמענטרעפן פאַרבינדט ער זיך מיט דער קריסטלעכער פראַנצויזקע זשערמען. זיין שוועסטער העלען איז פאַרקאָכט אין קונסט, מאָלערס, שרייבערס. זי פאַזירט נאַקעט פאַר אַ קינסטלער אין אַ שאַפונג וואָס מען רופט אַקט. די טעטיקייטן פון די קינדער פאַרשאַפן צער די עלטערן וואָס האַלטן נאָך אָן טראַדיציאָנעלע הייזער. עלטערן און קינדער ווערן צוויי וועלטן. און סטרעפּט אויך כאַרקערט, אַז די יונגט־זשעליאַט פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטישער אַסימילאַציע ציט צו יידישע וואָרצלען פון דער פּויליש־עמיגראַנטישער סאָקאָלאָווסקי־משפחה.

ערב דער היטלער אינוואַזיע ענדערט זיך די באַציאונג פון די פראַנצויזן צו דער סכנה פון זייער פאָטערלאַנד. די קאָמוניסטן טענהען אַז דער קאָנפליקט איז אַן אימפּעריאַליסטישער. קאַפּיטאַליסטן שטרייטן צווישן זיך וועגן קאָלאָניעס. דעם אַרבעטער־קלאַס איז עס נישט נוגע. ס׳איז נישט אונדזער קריג. די רעכטע פּאַטריאָטן ווערן פּאַציפיסטיש געשטימט: וואָס גייט אונדז אָן פּוילן, דאַנציג, די יידן? די עלזאַסער הייבן אָן רעדן דייטש, זיי וואַרטן אויפן אַריינמאַרש פון דער היטלער־אַרמיי. די מלחמה

קעגן דער נישט־צוגעגרייטער פראַנצויזישער אַרמיי האָט געדויערט ווי אַ בליץ דער שרייבער שילדערט די געשעעענישן, די ווישי – רעגירונג, די בהלות און דער יידישער געראַנגל זיך צו ראַטעווען. זשאַק סאָקאָלאָווסקי מיט זיין מיידל זשערמען קעמפן אין רעזיסטאַנץ. זשאַקס נאָמען ווערט אויסגעגעבן. די געסטאַפּאָ און די פראַנצויזישע שפּיאָנען זוכן אים אַרום, דער פאָטער ווערט אַרעסטירט ווי אַן ערבניק. אַלע האָבן געוווסט אַז די ערבניקעס ווערן סיווי אומגעבראַכט באַנאַנד מיט די געזוכטע וואָס קומען אויסלייזן זייערע קרובים. אָבער דער זון רייסט זיך אויסצולייזן דעם טאַטן. זשאַקס מאַמע און די שוועסטער האָבן אים צוריקגעהאַלטן און ער איז אין דער נאַכט אַוועק צוריק אין רעזיסטאַנץ.

דאָס בוך אָטעמט מיט יידיש – מענטשלעכער געטריישאַפט, ליבשאַפט און טראַגיק. זשאַק, וואָס אַדאָפּטירט די פראַנצויזישע קולטור, האָט זיך סיווי נישט געקענט באַפרייען פון יידישן געמיט, זאָרג, משפחה־ליבשאַפט און געטריישאַפט צווישן טאַטן און זון.

איך האָב דאָס בוך געלייענט אין אַ העברעישער איבערזעצונג וואָס הייסט "כי תמול אנחנו" לויטן פסוק פון איוב, קאַפּיטל י"ח וואָס איז דער מאָטטאָ פון "טאַטע און זון". "כי תמול אנחנו ולא נדע כי צל ימינו עלי ארץ". ווייל מיר זיינען נעכטיקע, ווייסן מיר נישט אַז אונדזערע טעג זיינען אַ שאָטן אויף דער ערד.

אַיאַלטי איז אַ שרייבער פון גרויסשטאָטישן לעבן. ער שרייבט זעלטן ערב־חורבן דערציילונגען, אַן אויסנעם "בערקע דער יישובניק" דאָרפס־ייִנגל מיט זיין פרום־תמימותדיקער יידישקייט; זיין פאַרוואָרצלטקייט אין די גרינע פעלדער, מיט גאָטס באַשעפענישן און זיין פאַרטייעטע ליבשאַפט צו דער פאַסטושקע. אַ פאַסטאָראַלע פון גוטסקייט, ליבע און רחמנות, ביז ער אַנטדעקט די וועלט פון שקר, היפּאָקריטצווע און ברוטאַלקייט.

מיט זיין קלוגן איראָנישן שמייכל שאַצט אַיאַלטי אָפּ אונדזער יידיש־אַמעריקאַנער וועלט נאָכן חורבן־אייראָפּע. קינדער ווילן באַצייטנס פטור ווערן פון טאַטע־מאַמעס יידישע ביכער, פון דער באָבעס בעסט־סעלער, די צאנה וראנה. די באָבע פריידל, און אַלמנה, ציטערט נעבעך אויס מורא אַז די קינדער וועלן דעם זעלטענעם אוצר אַרויסוואַרפן ווייל "ווער וועט לייענען די אַלע ביכער..."

וועגן "אַ באַנקעט אין מעקסיקאָ־סיטי" דערציילט דער שרייבער פונעם פאַריין געוועזענע פּראָלעטאַריער, עמך־מענטשן "שער אַן אייזן" שניידערס וואָס זיינען געוואָרן אַרויפגעאַרבעטע נגידים און ווילן נאָך אַלץ אויפהאַלטן זייער אידעאָלאָגישע ירושה, אָבער זיי נייטיקן זיך געוואַלדיק כאָטש אין איין אמתן פּראָלעטאַריער. געשריבן מיט הומאָר, חוזקט ער נישט פון דער קאָמישער ווירקלעכקייט, די וועלט פון נאָסטאַלגיע און יוגנט־אילוזיע. אין די צוויי ביכער דערציילונגען "דער מאַן פון לע מיל" און דער "טשעק און די אייביקייט" געפינט מען ענלעכע טעמעס פון אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס קענען געפאָרשט ווערן נישט נאָר פון אַ צוקונפטיקן היסטאָריקער, נאָר אַפילו פון פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, ווי דער ביזנעס־מאַן פון לאַגער וואָס האָט פאַרקויפט "נאַכט־פּושקעס" צו די לאַגערניקעס און דער מחבר האָט אים באַגעגנט אין וואָל־סטריט מיט גוזמאדיקע פאַנטאַזיעס רייך צו ווערן פון די סטאָקס. געענדיקט האָט ער טאַקע אין אַ משוגעים־אַנשטאַלט. אַ פּסיכאָ־עראָטישע טעמע "דער מקובל פון עווערגרין" וועגן די נסיונות פון אַ תנ"ך־לערער, געפאַנגען אין דער נעץ פון אַ לילית, די שיינע מיראַ וואָס האָט געזינדיקט מיט "לא תגנוב און ער, דער לערער – מיט לא תחמוד.

באַזונדערס האָט מיך באַאײַנדרוקט די דערציילונג אפּחא מסתברא וועגן אַ פּוילישן גלח, פּאַוועל, פּסח־צײַט אין ניו יאָרק. ער גערענקט פּסח אין קליינעם שטעטל, ווו ער האָט זיך געשפּילט מיט יידישע קינדער, געקענט רעדן יידיש, געגעסן אַ שטיקל מצה און אַנדערע מאכלים וואָס די קינדער האָבן אים געגעבן. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ גלח. איצט זיצט ער ביי דער אָפענער בייבל לייענענדיק דעם קאַפּיטל פון דער לעצטער מאָלצייט ביזן משפּט און גזר־דין פון פּילאַטוס. דער גלח שלאָפט איין און ס'הייבט זיך אָן דער חלום.

אַיאַלטי שילדערט זיין אייגענע ווערסיע פון יענעם משפּט איבער יעזוסן. דער יידישער המון אין ירושלים מישט זיך אויס מיט די יידן פון שטעטל און פון די צוויי געמשפּטע, באַראַבאַס און ישו, פאַרלאַנגט דער יידישער המון צו באַפרייען ישו. און פאַרקערט, דאָס האָבן די רוימער פאַרלאַנגט מען זאָל יעזוסן קרייציקן. אַ גריכישער טעאָלאָג שרייט אויס יעזוס מוז שטאַרבן אויסצולייזן אונדזערע זינד. ניין, שרייען די יידן, מיר ווילן ישו זאָל לעבן, ער איז אומשולדיק. און יעזוס ווערט באַפרייט. די מאַמע מערי נעמט אים אַרום: זיי האָבן דיך געפּייניקט, ביזט אויסגעהונגערט. אַהאַ, אַ יידישע מאַמע. ווער וועט פאַרגעבן אונדזערע זינד – פרעגט דער גריך. ווער הייסט אייך זינדיקן. שרייט אַ בייזע מערי.

די קאַניבאַלן וואָס זיינען געקומען עסן זיין קערפּער, טרונקען זיין בלוט האָבן געמוזט צוריק אַהיים גיין. אומזיסט געקומען נעבעך. ס'איז אַ יידישע קאָנספּיראַציע, די זקני ציון־פּראָטאָקאָלן, העצט דער אַדוואָקאַט פון שטעטל, רעביאַטאַ, אין מאַרק אַריין, שלאָגט יידן־ראַטעוועט דאָס פּאָטערלאַנד: דער גלח ציטערט פון שרעק, אוי, אַ פּאָגראָם, ווו איז די פּאָליציי? "גוט אויף די זשידעס, זיי האָבן נישט געוואָלט יעזוס זאָל שטאַרבן צו פאַרגעבן אונדזערע זינד, מוזן זיי אַליין אומקומען". און אָט ווי די דערציילונג ענדיקט זיך: פּאַוועל גייט מיט דער פּראָצעסיע. יעזוס אויפן באַרג אָנגעלענט מיטן רוקן אויף אַן אָליוור־בוים, צעשפּרייט די אָרעמס איבער די צווייגן, מיט די אויגן צום הימל רופט ער אויס: אלי אלי מיין גאָט, מיין גאָט פאַרוואָס האָסטו מיך נישט פאַרלאָזן. דאָס איז געווען אַיאַלטיס ענטפער אויף דעם גויישן בילבול קעגן אונדזער פאָלק.

*

אַן אַמתר קינסטלער אידענטיפיצירט זיך מיט זיינע העלדן, מיט די אידעען, פּאַסירונגען, נעגאַטיווע אָדער פּאָזיטיווע, איז ער איינגעוועבט אין זיין יצירה. אַיאַלטי באַאײַנדרוקט מיט זיין קרעפטיקער רייכער פּראָזע, ריטעם און נוסח. מיר האָבן אין אים פאַרלאָרן אַ ווונדערלעכן קינסטלער וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן אויפגעהערט זיין שרייבעריש אַקטיוו.

מיר שטעלן זיך פאָר סימבאָליש, אַז ער וועט אין הימל קומען מיט אַלע זיינע טענות וועגן וועלט־גיהנום, ליידן און פּיין וואָס ער האָט געזען און אַליין מיטגעמאַכט. וואָס מען וועט אים דאָרט ענטפערן וועלן מיר קיין מאָל נישט וויסן און נישט פאַרשטיין.

אין אונדזער יידישער ליטעראַטור וועט חנן אַיאַלט נישט פאַרגעסן ווערן.

גרוניאַ קאַהן / מאָנטרעאָל

## אַ ליד

איך זינג פֿאַר דיר, מיין קינד,
אַ לאַנג פֿאַרגעסן ליד
עס האָט מיין מאַמע מיר אַ מאָל
דאָס ליד געזונגען
און אַזוי צאַרט האָט עס געקלונגען,
ביז היינט דערמאָן איך נאָך דאָס ליד.

פֿון ווייטע בערג און ווייטע טאָלן,
ווו אייביק שיינט די זון
אין הימל בלוי,
ווו יעדער שטיינדעלע באַגאָסן
איז מיט טרערן
און יעדער גרעזעלע שיינט אויף
אין מאָרגן־טוי.

אַ לאַנג פֿאַרגעסן ליד האָט זי געזונגען,
און אַזוי האַרציק, אַזוי ליב האָט עס געקלונגען.
פֿאַרגעסן זאָלסטו ניט, מיין קינד:
די בערג, די ווייטע טאָלן,
ווו אייביק שיינט די זון אין הימל בלוי,
ווו יעדער שטיינדעלע באַגאָסן איז מיט טרערן,
און יעדער גרעזעלע שיינט אויף אין מאָרגן־טוי –
דעם ניגונדל דער מאַמעס פֿון אַ מאָל.

## ווער ביסטו?

איך בין אַ זעמדעלע, ווייט פֿון מיין היים פֿאַרטראָגן,
אַ גרעזעלע, אַ ציטערדיק, שוין מיד פֿון קלאָגן.
איך בין אַ בלעטעלע, פֿון פֿרעמדע פֿיס צעטראָטן,
פֿון בייזן ווינט געיאָגט, ס׳איז ווינען מיר פֿאַרבאָטן.

אַ שוואַכינק צווייגעלע בין איך, פֿון שטאַם מיינעם לאַנג אָפּגעבראָכן,
דאָס נעסטעלע צעשטערט, די פֿייגעלעך – צעלאָפֿן.
איך בין אַ וואַסערל אַ טיפּס, אַ ים פֿון טרערן,
אַ קינדער־שטים, וואָס קיינער וויל ניט הערן.

איך בין אַ בערגעלע מיט אַש, אַ פֿונק איז נאָך פֿאַרבליבן.
האָסט צוגעקוקט זיך, ווי איך ברען,
האָסט אַלץ געזען, און האָסט געשוויגן...

# אַ ניי בוך פון מאיר חרץ
# "נאָכן סך הכל - דריי"

אין ירושלימער פאַרלאַג "אייגנס" איז דערשינען אַ ניי בוך פונעם דיכטער מאיר חרץ א.ג. "נאָכן סך־הכל – דריי" (256 ז'ז), לידער, פּראָזע, סענטענצן און אויך אָפּרופן פון שרייבער און קריטיקער וועגן חרצעס ביז איצטיקע ביכער און זיין שאַפונגס־וועג.

ווי אַלע זיינע פריערדיקע ביכער (דאָס איצטיקע איז דאָס צענטע, אַרויסגעגעבן אין ישראל, זינט ער איז געווען עולה פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1972), באַווייזט זיך אונדז דער דיכטער מיט זיין קערנדיק־זאַפטיקן מאַלדאַווער יידיש־לשון וואָס ציט צו זיך צו דעם לייענער גלייך ביים עפענען דאָס ערשטע זייטל. היינט די קלוגע פאָלקישקייט פון זיין ליד און דער האַלב־איראָנישער שמייכל פון זיך־און פאָלק־דערקענטעניש וואָס באַגלייט עס... טאַקע אויפן ערשטן זייטל שרייבט דער דיכטער אינעם ליד "ס'איז צייט": מיין ליד איז אַ ראַם אויפגעהאַנגען / אַזוי ווי פאַרצייטיקע בילדער / מיט פעלדער פון ווייצענע זאַנגען, / סע קען זיי זען אויך אַ בלינדער, / סע קענען פאַרשטיין זיי אויך קינדער / די בילדער אויפגעהאַנגען / איבער מיין טיש מיט געזאַנגען".

צי קענען טאַקע פאַרשטיין זיי אויך קינדער – די לידער חרצעס, די "ליכטיקע פעלדער מיט ווייצענע זאַנגען" – איז אַ ביסל ספקדיק. ביי זייער גאַנצער פשטות און שפּילעוודיקייט פאַרמאָגן זיינע לידער אַן אינערלעכע פאַרטיפטקייט און פילדייטעוודיקייט. דעם "רייכן טיש מיט געזאַנגען" געפינען מיר אָבער אין זיין גאַנצן שאַפן, באַזונדערס אין זיינע סך־הכל – און נאָך־סך־הכל ביכער נומ. איינס, צוויי און דריי. דערלאַנגט ער אונדז פון זיין רייכן טיש אַלץ נייע און נייע שאַפונגען, און כאָטש דער דיכטער שרייבט אין אַן אַנדער אָרט (ז' 21) "מיט די לעצטער כוחות כ'שאַר זיך צו צום ליד", קאָנען מיר נאָך דערוואַרטן פון אים נייע סך־הכלען, ווייל: "איך וואָלט זיך פון לאַנג שוין אויפגעגעבן, / נאָר אַנדערש קוקן די שטערן דערויף / זיי ציטערן, בעטן מיך ווייטער צו לעבן / און פאַל איך, הייבן זיי ווידער מיך אויף". ("וועגן זיך", ז'63).

וועלן מיר נישט פּרווון אינטערפּרעטירן וואָס און ווער דער דיכטער מיינט דאָ מיט די "שטערן", איין זאַך איז אָבער זיכער – עס איז גוט וואָס זיי לאָזן אים נישט פאַלן.

*

אין איינעם פון זיינע קלוגע סענטענצן שרייבט מאיר חרץ: "אַ שרייבער איז נישט דאָס, וואָס מע שרייבט וועגן אים, נאָר דאָס וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן". איז ער אַוודאי טויזנט מאָל גערעכט. און ער האָט טאַקע מיט וואָס זיך פאַרצושטעלן, מאיר חרץ. פון דעסט וועגן וועלן מיר ציטירן איניקע שורות, וואָס עס האָט געשריבן וועגן אים זיין פעון־קאָלעגע און בן־עיר, דער דיכטער מאָטל סאַקציער: "פאַר חרצעס מוזע איז כאַראַקטעריסטיש דאָס זאַכלעכע, דאָס פאָלקסטימלעך־מעשהדיקע, וואָס וויגט זיך צווישן פאַנטאַסטיק און ממשותדיקייט. בולט אין זיין דיכטונג איז דער זיווג, דער סימביאָז פון עפּישן מיט דעם לירישן. זיי גייען ביי אים צוזאַמען און מישן זיך אָפּט מאָל איינס מיטן צווייטן... אַ שלל מיט מאָטיוון בייטן זיך ליד נאָך ליד – אַ מאָל דין־דין שפּינוועבסדיק, ליריש־אימפּרעסיאָניסטיש און אַ מאָל סאַרקאַסטיש־ביטער מיט אַ מין איינגעהאַלטענעם כעס און להכעיס... די מאָטיוון שאַרט אים צו טאָג־טעגלעך דאָס לעבן, מעגן זיי זיין פּראָזאַיש, גראַמט ער זיי אַריין אין ליד".

ישראל גובקין

# שורות וועגן שלום

רעדנדיק וועגן דער אַראַבער־פּראַגע אין און אַרום מדינת ישראל, פּלעגט דוד בן־גוריון פּאַראַפראַזירן דעם פּסוק "ד' עוז לעמו יתן, ד' יברך את עמו בשלום" – גאָט האָט אונדז געגעבן עוז (שטאַרקייט), אָבער ער דאַרף אונדז בענטשן מיט שלום.

מיר האָבן אַ מיליטעריש־שטאַרקע מדינה, קיין שלום אָבער האָבן מיר נאָך אַלץ ניט. ניט קוקנדיק אויף די איצטיקע ישראל־אַראַבישע שלום־פּאַרהאַנדלונגען, ווערן יידן אין ישראל גופא נאָך אַלץ באַפאַלן דורך אַראַבישע מעסער־העלדן; צינד־באָמבעס ווערן געוואָרפן אויף יידישע אויטאָמאָבילן, און די ישראל שוץ־כוחות זיינען אָפט געצווונגען צו ענטפערן מיט פייער, און סע פאַלן שולדיקע און אומשולדיקע, קענען שלום־פּאַרהאַנדלונגען און אַפילו לאָקאַלע אויטאָנאָמיע און לאַנד־קאָמפּראָמיסן אָפּשטעלן די עקסטרעמע אַראַבישע פּראַים?

אויף זיכער קען קיינער ניט זאָגן, איבערהויפּט אין דער געשאַפענער לאַגע ווען די אַראַביסטן אין אַמעריקאַנער סטייט־דעפּאַרטמענט האָבן די אויבער־האַנט אין אַמעריקעס גלאָבאַלער פּאָליטיק, וואָס איז איצט אויסגעשפּראָכן פּראָ־אַראַביש און אַנטי־ישראל; ניט־קוקנדיק אויף די חנופהדיקע און צוויי־זייטיקע צוקער־לעקעכלעך, וואָס ווערן פון צייט צו צייט, מערסטנס צוליב לאָקאַלער פּאָליטיק, צוגעוואָרפן די אַמעריקאַנער יידן און זייערע ווייניקע ניט־יידישע אונטערשטיצערס.

דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס, דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז און דער סענאַט, וואָס ווערן דורך ביוקענען, די ליבערטי־לאָבי, און אַנדערע אָפענע אַנטיסעמיטן באַצייכנט ווי אַן אָפּטייל פון דער ישראל־רעגירונג, האָט טאַקע "אַ מאָל" געשטיצט די יידישע מדינה ווי אַ שטאַרקן מילעטערישן אַלעירטן קעגן די קאָמוניסטישע סאָוועטן, אָבער איצט, נאָכן

---

און לאָמיר דאָ צוגעבן – אויף "אַריינגראַמען אין ליד" מאָטיוון פון דער טאָג־טעגלעכקייט איז מאיר חרץ אַ מייסטער. זיין גראַם איז נאַטירלעך ווי דאָס לעבן אַליין. און ער שרעקט זיך נישט פאַר "אַלטמאָדישקייט" און פאַר נישט מיטגיין מיט דער מאָדע פון דער צייט. זיין ליד האָט אַן אייגנאַרטיקן ריטעם און מוזיק, פאַר וועלכע דער גראַם איז די "ראַם אויפגעהאַנגען".

אינעם אָפּטייל "אַ ביסל פּראָזע" געפינען מיר אייניקע אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען חרצעס וועגן שרייבער און זייערע ווערק, ווי אויך רירנדיקע פאַרצייכענונגען פון די לאַגער־יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין "סך־הכל", אַ ווערטיק בוך וואָס באַרייכערט אויך אונדזער "טיש מיט געזאַנגען".

*

**ווילן מיר אויף דעם אָרט באַגריסן אונדזער מיטאַרבעטער און פריינד, דעם דיכטער מאיר חרץ צום אַרויסגעבן זיין ניי בוך און אויך צום ווערן אַ בן־שמונים (דעם 23־סטן סעפּטעמבער הייַנטיקס יאָר). לאַנגע, געזונטע, שעפערישע יאָרן אייך, טייערער מאיר חרץ, און אויך נייע סך־הכלען!**

מ.ש.

פאַנאַנדערפאַל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ער לעבלעך אין שייכות מיט די לעבענס־פראַגן פון ישראל. די אַנטאַגאָניסטישע ווייס־הויז־פּאָליטיק בנוגע ישראל טרעפט זיך כמעט ניט אָן מיט קיין ערנסטן ווידערשטאַנד מצד דעם איצטיקן קאָנגרעס. מע פּראָטעסטירט כלומרשט און ביי דעם בלייבט עס...

ס'איז אפשר גערעכט די אַרויסגעזאָגטע מיינונג אין ישראל און אויך דאָ, אין די פ"ש, אַז ס'איז געקומען די צייט מע זאָל מער ניט באַטראַכטן אַמעריקע ווי דעם איינציקן זיכערן פריינד פון ישראל און אָנהייבן זוכן פריינדשאַפט אויך אין אַנדערע ריכטונגען; טיילווייז ווערט עס שוין געטאָן.

ס'איז צום באַדויערן וואָס פּאַקטיש זיינען די אַמעריקאַנער גלאָבאַלע אינטערעסן – ווי מע זעט עס אין איצטיקן וואַשינגטאָן – אין אַ גרויסער מאָס ניט אידענטיש מיט ישראלס עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אַפילו שוץ־אינטערעסן. אַמעריקע, למשל, האַלט אין איין באַוואָפענען סאַודי־אַראַביע און אַנדערע אַראַבישער בלוט־שונאים פון ישראל. מע האַלט זיך אַפילו ניט אָפּ פון אַרויסקומען פון צייט צו צייט מיט פאַלשע בילבולים אויף דער יידישער מדינה וועלכע – פאַרשטייט זיך – מע לייקנט אָפיציעל שפּעטער אָפּ... ווי, למשל, דער ביי־זוויליקער בילבול, אַז ישראל פאַרקויפט אַמעריקאַנישע מיליטעריש־טעכנאָלאָגישע סודות צו כינע.

* * *

ס'איז אויך קלאָר, אַז מע קען זיך צופיל ניט פאַרלאָזן אויף די אַראַבישע פּאָליטישע דרכים און אינטריגעס צוליב דער אויפגעהעצטער שינאה צו ישראל מצד די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטישע און רעליגיעזע עקסטרעמיסטן. וועט מען זיי מאַכן הנחות אין די טעריטאָריעס פון שומרון און יהודה, וועלן זיי פאָדערן ירושלים, און זיי פאָדערן עס שוין; אויב מע זאָל קומען צו אַ פשרה וועגן אַלט־ירושלים, (וואָס וועט האָפנטלעך קיין מאָל ניט געשען) וועלן זיי פאָדערן דאָס אַריינלאָזן קיין ישראל אַראַבישע "פּליטים" פון אויסלאַנד, אויפן סמך פון דער אַלטער יו־ען רעזאָלוציע 194, וואָס קיינער האָט זיך מיט איר קיין מאָל ניט גערעכנט, אַפילו ניט די איצטיקע אַמעריקאַנישע אַדמיניסטראַציע.

דאָס אָנערקענען די רעזאָלוציע וואָלט זיכער געפירט צו דער ליקווידאַציע פון ישראל ווי אַ יידישע מדינה.

ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק מיט די אַראַבער, בעיקר ווען די אַמעריקאַנער פּאָליטיק בנוגע ישראל איז פאַר זיי אַ קוואַל פון דערמוטיקונג און שאָדן־פרייד...

אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען מוז מען, צוליב שלום, קומען צו אַ טיילווייזן אויסגלייך מיט זיי. אפשר וועט דאָס פירן צו אַ זיג פון די מעסיקע פּאַלעסטינער איבער די עקסטרעמיסטישע איסלאַמישע פאַנאַטיקער פון האַמאַס א.א.

קיין גאַראַנטיעס פאַר שטענדיקע אינטער־פעלקערישע האַרמאָנישע באַציונגען זיינען פון קדמונים אָן קיין מאָל ניט געווען; אַ סך מאָל מוז מען לעבן בשכנות מיט שונאים און אויסשטיין פאַרשיידענע רייבונגען און אויך זיין גרייט פאַר צוזאַמענשטויסן...

לאָמיר זיך ניט נאַרן. מיר דאָ, אין אַמעריקע, וווינען צוזאַמען אָדער בשכנות מיט פּאָטענציעל־געפערלעכע עלעמענטן, ניט דווקא שוואַרצע, ווי די געשעענישן און קראַון־הייטס, ברוקלין, און אין לאָס־אַנדזשעלעס האָבן קלאָר געוויזן. אָבער למען השלום מוז מען בלית־ברירה אַלץ פּרובירן; פאַרשטייט זיך, זייענדיק שטענדיק אויף דער וואַך.

ס'איז אויך דאָ אַ גרונט צו גלויבן, אַז מיט דער צייט, און אפשר בקרוב, וועלן זיך די

יוסף סאַסקי

# צום 66־סטן יאָר פון אונדזער קולטור־קלוב

## (אַ שטיקל געשיכטע)

אויף דער אַלגעמיינער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב, דעם 4־טן אַפּריל 1992, איז באַריכטעט געוואָרן וועגן דער שאַפונג פון אַן אַרכיוו־קאָמיסיע. די אַרבעט ביים צונויפזאַמלען אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין נישט קיין לייכטע, אָבער מיר זענען בייגעקומען די שוועריקייטן און שוין דערגרייכט געוויסע רעזולטאַטן. וועלן מיר פּרווון זיך טיילן דערמיט.

בלויז פון דעם צייט־אָפּשניט 1965-1967, ווען יצחק סאַפּיאַן איז געווען עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ קאָלעקציע מעלדונגען און פּראָטאָקאָלן פון קלוב. אויך פאַר די לעצטע פּאָר יאָר האָט יעקב שייפער געזאַמלט און אָפּגעהיט די מעלדונגען וועגן אונדזערע קולטור־אונטערנעמונגען. הייסט עס, אַז פון צייט צו צייט זענען געווען אָנשטרענגונגען צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר דעם אַרכיוו. געבליבן דערפון איז אָבער גאָר ווייניק.

אין שייכות מיט דעם 50־סטן יובל פון קלוב, אין 1976, האָט דער דעמאָלטיקער פּאָרזיצער אַלעקס ראָבין געשריבן אין "חשבון" נומ. 85-86: "איך האָב נישט געפונען קיין פאַרשריבענע קאָנסטיטוציע אָדער פאַרצייכנטע צילן. בכלל זינדיקן מיר, וואָס מיר האָבן נישט קיין כראָניק פון אונדזער אָרגאַניזאַציע". וועלן מיר איצט פּרובירן צו פאַרריכטן דעם פעלטער.

איינער פון די וויכטיקסטע אינפאָרמאַציע־קוואַלן וועגן די טעטיקייטן פון קלוב איז אונדזער זשורנאַל "חשבון". נישטערנדיק אין די אַלטע נומערן האָב איך געפונען זייער אינטערעסאַנטע באַשרייבונגען וועגן די בויער, פירער און אַקטיווע מיטגלידער פון קלוב. מיינסטנס זענען דאָס בלויז ציפערן, פאַקטן און דאַטעס פון פאָרגעקומענע קולטור־אונטערנעמונגען. צוזאַמענעמענדיק דאָס אַלץ באַקומט זיך אַ טיילווייז בילד פון דער איבערגעגעבנקייט און עקשנות פון אונדזערע טוער.

...דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס איז געגרינדעט געוואָרן סוף 1926. דער איניציאַטאָר איז געווען אליהו טענענהאָלץ. די אַנדערע מיטגרינדער זענען געווען: באָריס ווינער, חייקע גאַרפינקעל, אַ. וואָהלמאַן, דר' נייטן זאַלצמאַן, לואי האַמבורגער, י.ל. מאַלאַמוט, שערמאַן און זיין פרוי, און י. פרידלאַנד. זיי האָבן צוגעצויגן אַ צאָל מענטשן וואָס זענען געווען פריי פון ענג־פּאַרטייאישער אָנגעהעריקייט און איבערגעגעבן צום יידישן וואָרט און יידישער קולטור. דער קלוב האָט געשאַפן אַ היימישע סביבה פאַר די יידישע קולטור־מענטשן אין לאָס־אַנדזשעלעס, אָן וועלכער עס איז ספּעציפישער פּלאַטפאָרמע.

אינעם 1־טן נומער "חשבון", אַרויסגעגעבן דורכן קלוב אין יאַנואַר 1946, שרייבט י. פרידלאַנד (זייט 17): "...אונדזער ענטפער צו אַלעמען איז כסדר געווען און איז אויך איצט דער זעלביקער: דער ל.אַ. יידישער קולטור־קלוב איז געווען, איז און איך האָף ער וועט

---

איצטיקע אַנטאַגאָניסטישע שטימונגען צו ישראל בייטן צוזאַמען מיטן קעגנערזשן רעזשים און וואַשינגטאָן, און די גאַנצע פּאָליטיק אַרום מיטעלן מזרח קען זיך ענדערן לטובת ישראל. בן־גוריונס און אונדזער אַלעמענס ווונטש פאַר שלום מיט די אַראַבער — ווייניקסטנס מיט די פּאַלעסטינער — קען נאָך מקוים ווערן.

ווייטער אַזוי זיין: נישט "רעכט" סאָציאַליסטיש און ציוניסטיש, און נישט "לינק" קאָמוניסטיש: דער קולטור־קלוב וועט ווי ביז איצט אָנפירן מיט זיין איבער־פּאַרטייאישער קולטור־טעטיקייט, העלפן און שטיצן אַלץ וואָס איז יידיש, נאַציאָנאַל און קולטורעל, האַלטן הויך די יידישע קולטור־אַספּיראַציעס, העלפן דערהייבן דעם יידישן קולטור־מצב און טריי זיין די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן ווו און אין וועלכן לאַנד זיי זאָלן נישט זיין". איך מיין, אַז די באַמערקונגען און געדאַנקען, אַרויסגעזאָגטע אין 1946, זענען היינט, און 1992, מיט קליינע ניואַנסן נאָך אַלץ ריכטיק און אַקטועל.

אין דעם זעלבן נומער "חשבון" טיילט זיך אליהו טענענהאָלץ מיט זכרונות וועגן די ערשטע טריט פון דעם נייעם קלוב (זייט 54): "...באַלד אין די ערשטע עטלעכע חדשים פונעם קלובס זיין דאָ, האָבן מיר געיום־טובט אונדזער ערשטן יום־טוב – פּסח, משפּחהדיק. אונדזערע קלוב־צימערן זענען געווען ערגעץ אויף אַ משופּעדיקן באַרג, העט ווייט, אויפן וועג צו גלענדייל אַזש. מיר האָבן געמיינט, אַז אַ חוץ אונדזערע פּאָר צענדליק מיטגלידער וועט קיינער נישט קומען אויף אַזאַ משונהדיקן באַרג צו פּראַווען פּסח, אַ צווייטן סדר, און דערצו נאָך טראַדיציאָנעל יידיש. אָבער געקומען זענען אַריבער הונדערט מענטשן צו אונדז, צום יידישן קלוב"...

ביי אַנדערע געלעגנהייטן ווערט אַ פּאָר מאָל דערמאָנט דער זעלבער פּלאַץ: "ערגעץ אויף סאַנסעט בולוואַרד, אויפן וועג קיין גלענדייל". האָט עמיצער גענויערע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם פּלאַץ ווו דער קלוב האָט געהאַט זיין ערשטן זיץ־אָרט? עס איז כדאי דאָס אויסצוגעפינען.

בעת דער דערעפענונג פונעם 45־סטן זמן, דעם 24־סטן אָקטאָבער 1970, האָט אַ. טענענהאָלץ זיך ווידער געטיילט מיט דערמאָנונגען, דאָס מאָל וועגן דער גרינדונג פון קלוב. אָט וואָס ער האָט געזאָגט צוו. אַנד. לויט "חשבון" נומ. 61–62: "...דאַרף איך דען זאָגן אַז ס'איז מיר גוט אויף דער נשמה צו שטיין דאָ היינט און קאָנען כאַפּן אַ קוק אויפן נעכטן? כ'מיין דעם נעכטן פון צוריק מיט 44 יאָר. איך בין דעמאָלט געווען מיט דער גרויסער "מווינג פּיקטשור פאַבריק" מעטראָ גאָלדווין מייער; געהאַט מיט זיי אַ קאָנטראַקט אויף פינף יאָר צו שפּילן אין די "מוויס". די שכירות וואָס זיי האָבן מיר געצאָלט, האָט געוואָרעמט מיין קעשענע, נאָר די סביבה דאָרט – האָט געפרוירן מיין האַרץ...

"י.ל. מאַלאַמוט (איז געווען) אַן אָפטער גאַסט ביי מיר אין האָליוווד. איך האָב אים געבעטן צונויפברענגען אַ 10–15 יידן, יידישע יידן, וואָס זאָלן גאַרן אויפצובויען דאָ אַ ווינקעלע מיט אַ יידישער סביבה, אַן אָפּרו־היים פאַרן יידישן מענטש וואָס זאָל הנאה האָבן פון אַ ליטעראַריש יידיש וואָרט, פון אַ יידיש פאָלקס־ליד, פון יידישן ניגון און יידישן יום־טוב; אַ ווינקעלע אָן אַ "פלאַט" און אָן אַ "פאָרמע", דאָס הייסט אָן אַ "פלאַטפאָרמע", מחמת אויף אַלע "פלאַטפאָרמעס" דענסטמאָל האָט מען זיך געריסן די טשופּרינעס...

צווישן די צונויפגערופענע פאַרזאַמלטע איז – אַ חוץ מיינע פריינד: לאוי האַמבורגער, ווינער און חייקע גאַרפינקעל – געווען, געדענק איך, דר' נייטן זאַלצמאַן, שערמאַן און זיין פרוי, י. פרידלאַנד (אונדזער ערשטער פרעזידענט), אויך איינער אַ דר' גאַלפּערין מיט זיין פרוי און נאָך אַ דריי־פיר יידן, איך געדענק שוין נישט זייערע נעמען. איז ווי נאָר דער דר' גאַלפּערין האָט אויסגעהערט מיין "ספּיטש", ווו איך האָב דערקלערט וואָס פאַראַ סאָרט קלוב איך וויל גרינדן, האָט ער זיך צעלאַכט און מיר געגעבן אַ "שכלדיקע" עצה:

"טאָוואַרישטש – ער האָט געערערט רוסיש, ווי עס "דאַרף" רעדן אַ יידישער אינטעליגענט – טאָוואַרישטש, מיטן יידישן יאַזיק ( "יאַזיק" אין רוסיש האָט צוויי טייטשן: לשון און צונג...) פּאַניעמאַיעטיע, מיטן יידישן יאַזיק איז גוט צו עסן קוגל, אָבער נישט זאַניעמאַיען זיך מיט סטיכאָטוואָרעניעס און איסקוסטוואָ... אַזאַ "קרוזשאָק" ווי איר ווילט גרינדן דאָ איז, מעזשדו פּראָטשים, אַן אַפּענדיקס וואָס מען דאַרף אויסשניידן, אַ יעווּרעיסקי קלוב אין גאָליוווד ניע בודיעט סוקסעס"...

"נו, איצט זעט איר שוין, ליבע פריינד, אַז מיר איז אַ 44־פּאַכיקע פרייד צו שטיין פאַר אייך דאָ היינט, אַן עלטערער ייד, אָבער נישט קיין "אַלטער" ייד... און ריידן צו אייך וועגן דעם "קרוזשאָק" וועמען יענער דאָקטער האָט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן..."

אַ קורצע צייט שפּעטער, אין יוני 1971, איז אליהו טענענהאָלץ געשטאָרבן.

אָבער נישט דער קלוב...

די געשיכטע פון אונדזער קלוב קאָן מען איינטיילן אין דריי פעריאָדן: פון 1926 ביז 1945; פון 1946 ביז 1972. און פון 1974 ביז היינטיקן טאָג, מיט אַ קליינער צווישן צייט פון 1972 ביז 1974.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר פּ ע ר י אָ ד. ליידער האָבן מיר כמעט אין גאַנצן נישט קיין אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן פון יענער צייט. וואָס עס איז יאָ דאָ, איז זכרונות געשריבענע אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דערוויסן מיר זיך פון זיי, אַז פאַר אַן ערך 20 יאָר האָט דער קלוב געפירט זיין טעטיקייט אין געדונגענע זאַלן. יעדן שבת צו נאַכט זענען פאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס, קאָנצערטן און פייערונגען פון יידישע יום־טובים. דער קלוב האָט אויך אָרגאַניזירט יידישע קונסט־און ביכער־אויסשטעלונגען. אין משך פון די צוואַנציק יאָר זענען אין קלוב אויפגעטראָטן אָנגעזעענע יידישע שרייבער, קינסטלער און געלערנטע פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען. בלויז צו דערמאָנען אַ פּאָר נעמען: דר' חיים זשיטלאָווסקי, ה. לייוויק, דוד פּינסקי, מ. אָלגין, זלמן שניאור; די אַרטיסטן און וואָרט־קינסטלער: רודאָלף שילדקרויט, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, פּאול מוני, מאָריס שוואַרץ, בן עמי, נח נאַכבוש, מאָלי פּיקאָן, יעקב קאַליך, קורט קאַטש, חוץ די תושבים פון לאָס־אַנדזשעלעס: ה. רויזענבלאַט, פּרץ הירשביין, פּינטשע בערמאַן, פייגעלע פּאַניץ, בן באָנוס, חיים קאַטיליאַנסקי, פּראָפ. לעמקאָוו, חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט, אליהו טענענהאָלץ און אַנדערע.

אַ פּאָר יאָר האָט עקזיסטירט ביים קלוב אַ יוגנטלעכע דראַמאַטישע סטודיע אונטער דער אָנפירונג פון אַ. טענענהאָלץ. ליידער האָבן מיר זייער ווייניק אינפאָרמאַציע וועגן דעם. אַ צווייטער פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט־גרופּע איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1936, אָבער אויך אָן דערפאָלג.

אין יאָר 1939 האָט דער קלוב אַרויסגעגעבן אַ חודש־שריפט א.נ. "אונדזער וואָרט". עס זענען דערשינען בלויז פיר נומערן אונטער דער רעדאַקציע פון ה. רויזענבלאַט, ה. גאָלד און י. פרידלאַנד.

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר פּ ע ר י אָ ד. אין 1945 האָט דער קלוב אויפגעבויט אַן אייגענעם בנין אויף מאָנראָ־גאַס. די דערעפענונג איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1946. לכבוד דעם חנוכת־הבית און דעם 20־סטן יובל פון קלוב איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זשורנאַל פון 120 זייטן א.נ. "חשבון". די רעדאַקטאָרן זענען געווען: ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד און אַ. טענענהאָלץ. אַ חוץ אינפאָרמאַציע וועגן די טעטיקייטן פון קלוב און

דעראינערונגען וועגן די פריערדיקע יאָרן, ווערט אין זשורנאַל אויך איבערגעגעבן וועגן די טעטיקייטן פון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס־אַנדזשעלעס און אַ ביסל געשיכטע פון יידישן לעבן. עס זענען אויך געדרוקט לידער פון ה. רויזענבלאַט, פּינטשע בערמאַן און ברכה קורלי.

אין יענעם פּעריאָד האָט דער קלוב, האָבנדיק אַן אייגענע היים, זיך שטאַרק אַנטוויקלט און געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט. אַ חוץ די שבת־צו־נאַכטן זענען במשך עטלעכע יאָר פאָרגעקומען קולטור־אָוונטן אויך דאָנערשטיק. דער באַזוך איז אָבער געווען נישט קיין גרויסער, האָט די פאַרוואַלטונג פאַרוואַנדלט די מאָנטיקדיקע זיצונגען אין קולטור־צוזאַמענטרעפן. פאַר אַ סך יאָרן זענען די מאָנטיק־אָוונטן געווען דערפאָלגרייך.

אין 1948 איז געמאַכט געוואָרן אַ דריטער פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט־גרופּע. דאָס מאָל זענען עס געווען "יוגנטלעכע" פון 25 ביז 35 יאָר. די מערהייט פון זיי האָט נישט גערעדט און אַפילו ווייניק פאַרשטאַנען יידיש. מען האָט זיי פאַראינטערעסירט מיט יידישע מקורות אין ענגליש און צו ביסלעך געלערנט יידיש. דאָס איז אָנגעגאַנגען במשך פון עטלעכע יאָר, ביז די גרופּע איז זיך צעפאַלן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז שוין דעמאָלט, אין 1946, האָבן די אָנפירער פון קלוב איינגעזען, אַז דער יונגער דור איז געוואָרן פאַרנאַכלעסיקט. אַזוי, למשל, שרייבט י. פרידלאַנד: "אונדזער יוגנט, די הויפּט־יורשים אונדזערע, האָבן מיר פאַרזען, מיר האָבן נאָך ביז איצט נישט געפונען דעם שליסל צו זייער האַרצן". און אויף אַן אַנדער אָרט: "מיר האָבן ענדלעך אָנגעהויבן איינזען און פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן זיך דאָ טיפער איינוואָרצלען, שטאַרקן אונדזער יידיש וואָרט און ממשיך זיין אונדזער יידישע קולטור, כדי באמת האָבן וואָס ממשותדיקס איבערצולאָזן בירושה צו אונדזער יידישער יוגנט, וואָס איז דורך אונדז אַלעמען אַזוי פאַרברעכעריש פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן".

אין 1949, צו דער דערעפענונג פון דער ביבליאָטעק, האָט דער קלוב אַרויסגעגעבן אַ קונסט־אַלבאָם א.נ. "סטודיאָ", מיט שאַפונגען פון די מאָלערס מאַקס באַנד, באָריס דייטש, קאַוונער־גראַדזקי און דעם האָלץ־סקולפּטאָר סאַט. אין 1951, צום 25־סטן יובל פון קלוב, איז דערשינען דער צווייטער נומער פן זשורנאַל "חשבון".

דעם 29־סטן מאַי 1956 האָבן דער קלוב און דאָס יידישע לאָס־אַנדזשעלעס, ווי די יידישע קולטור־וועלט בכלל פאַרלוירן דעם פּאָעט ה. רויזענבלאַט (געב. דעם 15־טן מאַי 1878 אין דערפל ריסאַשע, פּאָדאָליער גובערניע).

אין 1960 איז געשאַפן געוואָרן דער "י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד" וואָס האָט פאַר איייניקע יאָרן אויסגעטיילט פּרעמיעס צו יידישע שרייבער פאַר די בעסטע דערציילונגען און עסייען. יצחק פרידלאַנד, דער לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון קלוב (פאַר 25 יאָר) און רעדאַקטאָר פון "חשבון", אָנהייבנדיק פונעם ערשטן נומער, איז געשטאָרבן דעם 15־טן סעפּטעמבער 1956, אין עלטער פון 83 יאָר. ווידער אַ מאָל האָט דער קלוב פאַרלוירן איינעם פון די אָנגעזעענסטע און אַקטיווסטע טוער.

די אָנפירונג האָט דעמאָלט איבערגענומען אליהו טענענהאָלץ און ער איז געווען פּרעזידענט פאַר איין זמן. דעם קומענדיקן זמן (1966-1967) האָט מיטן קלוב אָנגעפירט אַ פּרעזידיום פון פיר פּערזאָן: מנחם ברייס, יצחק סאַפּיאַן, שלמה צוקערמאַן און אברהם שוואַרץ. אין יענער צייט איז אויך ס'ניי געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו ברענגען יינגערע מענטשן אין קלוב אַריין. עס זענען פאָרגעקומען פיר לעקציעס אין ענגליש אויף יידישע טעמעס. אין 1967-1968 איז דאָס פּרעזידיום באַשטאַנען פון דריי פּערזאָן: ברייס,

צוקערמאַן און שוואַרץ. (סאַפּיאַן איז געשטאָרבן אָנהייבן מאַי 1967). אין 1968 האָט אליהו טענענהאָלץ ווידער איבערגענומען די אָנפירונג פון קלוב. שלמה צוקערמאַן און דוד מערסעל זענען געווען וויצע־פּרעזידענטן. אין קומענדיקן יאָר איז דער טעאַטראָלאָג זלמן זילבערצווייג געווען פּרעזידענט, און די וויצע־פּרעזידענטן: תנחום ברייס, שמואל ווייס און אַלעקס ראָבין.

איינעם זמן 1970-1971 האָט מיטן קלוב אָנגעפירט אַ פּאַרוואַלטונג פון 10 פּערזאָן: ת. ברייס, ש. ווייס, ז. זילבערצווייג, אַ. טענענהאָלץ (געשטאָרבן אין יוני 1971) זיגמונט לעוו, דוד מערסעל, אריה פאַזי, ש. צוקערמאַן, יצחק קאָלער און אַלעקס ראָבין. בלויז די סעקרעטאַרן און קאַסירער האָבן געהאַט באַשטימטע אַמטן. די פּאַרוואַלטונג־מיטגלידער האָבן זיך געטוישט מיטן אָנפירן די קולטור־אָוונטן. אין קומענדיקן יאָר איז שוין די פּאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון זעכצן פּערזאָן.

* * *

אין די זעכציקער יאָרן האָט זיך געענדערט די געגנט וווּ דער קלוב האָט געהאַט זיין היים. די יידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזן "בויל הייטס" און זיך באַזעצן אין אַנדערע טיילן פון שטאָט. אין 1972 איז דער קלוב געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן די מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויטע היים. נאָך כמעט 27 יאָר איז דער קלוב געבליבן "אויף דער גאַס". אין דער צווישן צייט – 1972-1974 – נאָכן פאַרקויפן די היים, האָט דער קלוב ווייטער פונקציאָנירט כמעט נאָרמאַל. די שבת־צו־נאַכטן זענען פאָרגעקומען אין גערונגענע זאַלן. עס איז, נאַטירלעך, געווען זייער שווער. די פּאַרוואַלטונג־מיטגלידער, באַזונדערס שלמה צוקערמאַן, אַלעקס ראָבין און זיגמונט לעוו האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך צייט און מי אויפצוהאַלטן דעם קלוב.

נאָך אונטערהאַנדלונגען האָט די פּאַרוואַלטונג זיך דערדעדט מיט דער אָנפירונג פונעם "אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג" אויף דער דריטער גאַס צוצובויען אַ צימער, וואָס זאָל זיין גרויס גענוג פאַר דער קלוב־אַרבעט. באַזונדערע פאַרדינסטן ביים העלפן צוגרייטן די פּלענער און בויען דעם נייעם לאָקאַל האָט געהאַט שלמה צוקערמאַן.

דעם 2־טן פעברואַר 1974 איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דעם באַנייטן קולטור־קלוב אין דעם צוגעבויטן גרויסן זאַל אויף דער דריטער גאַס.

ד ע ר ד ר י ט ע ר פ ע ר י אָ ד. פאַר די לעצטע 18 יאָר פירט אונדזער קולטור־קלוב זיין פאַרצווייגטע טעטיקייט אין דער נייער היים. אַלעקס ראָבין איז אויסגעוויילט געוואָרן און געווען ערשטער פאָרזיצער פון דעם באַנייטן קלוב, ביז זיין טויט, דעם 3־טן מערץ 1981. מיטפאָרזיצערס אין יענער צייט זענען געווען: שלמה צוקערמאַן, מאָריס דייטש און אריה פאַזי. נאָך ראָבינס טויט האָט מיטן זמן 1981-1982 אָנגעפירט אַ פּרעזידיום פון פיר פּערזאָן: מאָריס דייטש משה כהן, שלמה צוקערמאַן און יעקב קאהאן. אינעם עקזעקוטיוו זענען געווען: אריה פאַזי, עמנואל גאָלדפאַרב, רחל און מענדל סלוצקי. אָנהייבנדיק מיטן זמן 1982-1983 איז משה כהן געווען פּרעזידענט פון קלוב, ביז זיין טויט דעם 29־טסן נאָוועמבער 1990. שפּעטער האָט לילקע מייזנער איבערגענומען דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט, און צבי הירש איז מיטפאָרזיצער.

* * *

אַ ביסל אינפאָרמאַציע וועגן דעם זשורנאַל "חשבון".
מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז דער ערשטער נומער פונעם זשורנאַל איז דערשינען אין 1946, לכבוד דעם חנוכת הבית פון דער נייער קלוב־היים. דער צווייטער נומער איז

אַרויס מיט פינף יאָר שפּעטער, אין אָקטאָבער 1951, אונטער דער רעדאַקציע פון ה. רויזענבלאַט, און י. פרידלאַנד, מיט דער מיטהילף פון אַ. באַבּיטש און אַ. טענענהאָלץ. פאַר די נאָענטסטע פיר יאָר איז דער "חשבון" דערשינען יעדן אָקטאָבער צום אָנהייב פונעם קלוב־זמן. רעדאַקטאָר איז געווען י. פרידלאַנד מיט דער מיטהילף. פון אַ. באַבּיטש און י. מאַלאַמוט. אין 1954 איז דערשינען אַ ספּעציעלער נומער געווידמעט דעם 100־יאָריקן יובל פון יידישן ישוב אין קאַליפאָרניע.

אין 1955 האָבן זיך אין לאָס־אַנדזשעלעס באַזעצט דער יידישער שרייבער דר' וויליאַם נאַטאַנסאָן און דער יידיש־העברעישער געלערנטער דר' ה. ראָטבלאַט. ביידע זענען געקומען פון שיקאַגאָ. לויט זייער איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן אַ ליטעראַרישע גרופּע א.נ. "בוך און לעבן". אָנהייבנדיק פון זיבעטן נום. "חשבון" (אַפּריל 1965) איז די שרייבער־גרופּע, אין באַשטאַנד פון וו. נאַטאַנסאָן, מלכה טוזמאַן און נח גאָלדבערג, געוואָרן רעדאַקציע־ראַטגעבער און געהאָלפן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל צוויי מאָל אַ יאָר, אין אַפּריל און אָקטאָבער. מיטן ניינטן נומער, אין יאַנואַר 1957 האָט דער "חשבון" אָנגעהויבן דערשיינען פיר מאָל אַ יאָר. פאַרן צענטן נומער זענען אין רעדאַקציע־ראַט געווען בלויז נאַטאַנסאָן און גאָלדבערג. אין 1958 איז צוגעקומען אַ נייער אַמט – סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. דער ערשטער סעקרעטאַר איז געווען אַ. כראַבאַלאָווסקי. אין מאַי 1958 האָט די שרייבער־גרופּע געטוישט איר נאָמען אויף "שרייבער־קרייז ביים זשורנאַל "חשבון".

זינט יענער צייט האָבן זיך פיל מאָל געטוישט די רעדאַקטאָרן, מיט־ראַדאַקטאָרן און סעקרעטאַרן; עס זענען צוגעקומען נייע מיטאַרבעטער, און אַנדערע זענען אָפּגעפאַלן, אַוועק אין דער אייביקייט.

נאָכן טויט פון יצחק פרידלאַנד (דעם 15־טן סעפּט. 1965), וועלכער איז געווען רעדאַקטאָר זינט 1965, און מאַטעס דייטש – סעקרעטאַר (געשטאָרבן אין דער זעלבער צייט), איז דער 44־סטער נומער "חשבון" דערשינען אין אַפּריל 1966 אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. טענענהאָלץ, ביי דער מיטהילף פון דער דיכטערין מלחכה טוזמאַן און ה. לאַנג. דער קינסטלער ב. מלכי האָט געצייכנט די הילע וואָס ווערט גענוצט ביז היינטיקן טאָג. אָנהייבנדיק מיטן טאָפּל־נומער 45-46 איז אריה פאָזי געווען רעדאַקטאָר און ז.בונין סעקרעטאַר.

אין יאַנואַר־מערץ 1968 איז דערשינען דער 50־סטער יובל־נומער "חשבון". ז. בונין שרייבט דאָרט צוו. אַנד. (זייט 71): "דעם גרעסטן יישר כוח פאַר גרינדן און אויפהאַלטן דעם "חשבון" קומט נאַטירלעך דעם ל. אַ. יידישן קולטור־קלוב. ווען נישט דער קלוב וואָלט "חשבון" לכתחילה נישט אָנגעהויבן דערשיינען און וואָלט מיט אייגענע כוחות נישט געקאָנט עקזיסטירן". דאָס איז אַקטועל – באַזונדערס די לעצטע ווערטער – ביז היינטיקן טאָג.

אין אָקטאָבער 1969 איז שמואל ווייס געוואָרן מיט־רעדאַקטאָר און שמואל סיגל און אַלעקס ראָבין – רעדאַקציע־קאָנסולטאַנטן. ווינטער 1972 איז דערשינען דער נומער 66 "חשבון" געווידמעט דעם 75־סטן געבוירניאָר פון אַלעקס ראָבין. די רעדאַקציע־קאָלעגיע איז ספּעציעל פאַר דעם צוועק אויסגעברייטערט געוואָרן און האָט אַריינגענומען: אברהם גאָלאָמב, ז. בונין, זלמן זילבערצוויג, אריה פאָזי, ה. גערמאַן, סימע קאַרפּ, דוד גאָלדמאַן, שלמה צוקערמאַן, יעקב קאַהאַן און שמחה גרעי. דעם זעלבן יאָר זענען דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד און דער אַרבעטער־רינג געוואָרן די

## לילקע מייזנער

# מיר זענען אייגנאַרטיק אין פאָרם און פאַרנעם

## (פונעם יערלעכן באַריכט־רעפעראַט)

מיר האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט צו מאַכן אַ חשבון פון אַ יאָר אָפּגעטאָענער אַרבעט; אַ יאָר פון שבת־אָוונטן, וואָס זענען געווען באַלערנדיק און אינטערעסאַנט, וואָס האָבן אונדז גייסטיק דערהויבן, דערנענטערט איינעם צום צווייטן, פאַרבונדן אין אַ מין משפחהדיקייט און אינטימקייט.

מיר זענען אייגנאַרטיק אין פאָרם און פאַרנעם, אַ יידישער קולטור־קלוב וואָס פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אויף דער יידישער גאַס שוין 65 יאָר; אַ קלוב וואָס שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין שום פּאָליטישע ריכטונג, פּאַרקערט, נעמט אונטער זיינע פליגלען אַלע פּאָליטישע ריכטונגען ווען עס איז נאָענט די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. מיר האָבן אין משך פון די 65 יאָר אויפגענומען ביי זיך אַן אַ צאָל יידישע שרייבער און קינסטלער; געהאַט אין אונדזערע רייען אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן אַרויסגעשיינט – און באַשיינט – די אינסטיטוציע נישט נאָר מיט זייער וויסן, נאָר אויך

---

אָפיציעלע אונטערשטיצער פון "חשבון".

אין אַפּריל 1975 איז דערשינען אַ ספּעציעלער נומער "חשבון" געווידמעט דעם 80־יאָריקן יובילײ פון אריה פּאָזי. די רעד.־קאָלעגיע איז דאָס מאָל באַשטאַנען פון אַ. גאָלאָמב, ש. ווייס, אַ. ראָבין און זלמן שלאָסער, וועלכער איז געוואָרן שטענדיקער מיט־רעדאַקטאָר און סעקרעטאַר, און צו זיין 85־סטן געבוירנטאָג האָט ז. בונין געקראָגן דעם אָפיצילן טיטל: סעקרעטאַר־עמעריטוס.

דער נומ. 87-88 איז געווען געווידמעט דעם 80־סטן געבוירנטאָג פון שלמה צוקערמאַן. אין האַרבסט 1977 (נומ. 89) האָבן מיר שוין ווידער אַ נייע רעדאַקציע־קאָלעגיע פון שמואל ווייס און משה שקליאַר, רעדאַקטאָר איז געוואָרן זלמן שלאָסער. צו דער קאָנסולטאַנטן־גרופּע געהערן: משה כהן, נתן גראָוויטש, אלימלך רייטש און אַלעקס ראָבין. גרשון פרידמאַן ווערט פינאַנס־סעקרעטאַר.

זומער 1978 האָט דער "חשבון" אָפּגעגעבן כבוד דעם "לערער פון לערערס" אברהם גאָלאָמב צו זיין 90־טן געבוירניאָר. אין 1980 ווערט יעקב שייפער צוקאָפּטירט צו דער פאַרוואַלטונג און אין פרילינג 1985 ווערט ישראל גובקין אַ מיטגליד אין דער רעד.־קאָלעגיע.

אריה פּאָזי איז געשטאָרבן דעם 28־סטן יאַנואַר 1986 אין עלטער פון 91 יאָר. דעם 13־טן סעפּטעמבער 1986 איז געשטאָרבן זלמן שלאָסער און משה שקליאַר ווערט רעדאַקטאָר פון "חשבון". מיטרעדאַקטאָר איז ישראל גובקין. אין פרילינג 1991 האָט גרשון פרידמאַן רעזיגנירט פון זיין אַמט און נתן שטיינמאַן נעמט איבער די אַרבעט פון פינאַנס־סעקרעטאַר, צבי הירש ווערט פאַרוואַלטער. אין דער זעלבער צייט ווערט לילקע מייזנער אַ מיטגליד פון דער "חשבון"־פאַרוואַלטונג.

אין משך פון עטלעכע און פערציק יאָר האָבן די דערמאָנטע פּיאָנערן און בויער פון "חשבון" אוועקגעגעבן אַ סך מי און שווערע אַרבעט פאַרן דערפאָלג פונעם זשורנאַל. זייער אַרבעט וואַרט נאָך אויף אַן אָפּשאַצונג, אַזוי אויך די אַרבעט פונעם קלוב, וואָס האָט שטענדיק באַקומען אַ ברייטע אָפּשפּיגלונג אויף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל. נאָר דאָס איז שוין אַן ענין פאַר היסטאָריקער.

מיט זייער איבערגעגעבנקייט צו דער גרויסער ירושה אונדזערער וואָס הייסט – יידישע קולטור.

געווען אָן אַ צאָל מענטשן וואָס האָבן זייער לעבן פֿאַרבונדן מיט אונדזער יידישן קולטור־קלוב און מסירת־נפשדיק געאַרבעט כדי אויפֿהיטן, שטיצן די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און אַלע צווייגן פֿון יידישער קולטור־שאַפֿונג.

אויף דעם היסטאָרישן וועג פֿון 65 יאָר טרעפֿן מיר זיך אָן מיט מערקווירדיקע געשטאַלטן וועלכע האָבן מיטגעווירקט אַז אונזער יידישער קולטור־קלוב זאָל קאָנען אָנגיין מיט זיין טעטיקייט. ווען די ווענט פֿון דעם לאָקאַל אויף מאָנראָ־גאַס וואָלטן געקאָנט דערציילן וועגן די פֿילצאָליקע פֿאַרזאַמלונגען וואָס זענען פֿאָרגעקומען צוויי מאָל אַ וואָך (מאָנטיק און שבת); וועגן דעם ניוואָ און אינהאַלט זייערן; וועגן דער וואַרעמקייט און זאָרג פֿאַר יידישע ווערטן; וועגן די לעקטאָרן וואָס האָבן באַרייכערט די אָנוועזנדיקע, וואָלט מען געקאָנט געשיכטע־ביכער שאַפֿן וועגן דעם י י ד י ש ן לאָס־אַנדזשעלעס אין משך פֿון דער צייט.

לאָמיר דאָ דערמאָנען כאָטש אַ טייל פֿון די אַוועקגעגאַנגענע פֿריינד: פֿאָרזיצערס, ביבליאָטעקאַרן, רעדאַקטאָרן; בויער פֿון קלוב, ווי **פֿרידלאַנד, סאַפּיאַן, אלימלך דייטש, ניומאַן, טענענהאָלץ, מלכה טוזמאַן, בונין, פּאַזי, ביידע צוקערמאַנס, אזאָלין, רויזענבלאַט, שלאָסער, אַלעקס ראַבין, סערגיי נוטקעוויטש, ברייס, נודלמאַן** און אַנדערע, און דער לעצטער – אונדזער באַליבטער **משה כהן**...

עס וועלן מסתמא זיין היסטאָריקער וואָס וועלן זיך פֿאַרנעמען מיטן אוניקום – יידישער קולטור־קלוב, אַן אינסטיטוציע וואָס האָט געשאַפֿן אַן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט אויף דער אַלגעמיינער קאַנווע וואָס הייסט יידישע גאַס אין לאָס־אַנדזשעלעס.

מיר האָבן אָפּגעשלאָסן אַ יאָר פֿון טעטיקייטן, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיט יידיש לעבן, עקזיסטענץ און קולטור. מיר האָבן געזאָרגט אַז די אָוונטן זאָלן שטיין אויף אַ געהעריקן ניוואָ, מיר זאָלן געניסן פֿון אַלטע און נייע קוואַלן; לערנען און דערקענען אונדזערע קולטור־אוצרות.

די אַרבעט פּירט זיך, נאַטירלעך, נישט אַליין. איז לאָמיר דאָ, ווי אַלע יאָר, דערמאָנען די מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, וועלכע קאַרגן נישט קיין מי, אַז אַלץ וואָס ווערט ביי אונדז געטאָן זאָל זיין אויף אַ געהעריקער מדרגה.

**פֿרידמאַן גרשון** – ער איז געווען יאָרנלאַנג אַדמיניסטראַטאָר פֿון "חשבון" און צוליבן געזונט־צושטאַנד נישט געקאָנט ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט. אָבער אויך איצט איז ער גרייט צו העלפֿן – און העלפֿט – אין דער אַרבעט פֿונעם זשורנאַל.

**שייפֿער יעקב** – אונדזער סעקרעטאַר, "פּאָסט־מיניסטער", ראַטגעבער, שטילער און באַשיידענער טוער, וועלכער טראָגט אויף זיך אַ סך פֿליכטן.

**צבי הירש** – מיטפֿאָרזיצער פֿון קלוב. איינער פֿון די צוויי אַדמיניסטראַטאָרן פֿון "חשבון", אַ קענער פֿון יידישער געשיכטע, איז שטענדיק גרייט אַרויסצוהעלפֿן מיט וואָס ס'איז נאָר מעגלעך.

**גאָרפֿיין מאָניע** – צוקאָאָפּטירט געוואָרן הייַנטיקס יאָר, געהאָלפֿן ברענגען אין אָרדענונג די ביבליאָטעק, שטענדיק גרייט צו ברענגען מיט זיין קאַר פֿריינד צו די אָוונטן.

**קאַרין נאָרמאַן** – פֿאַרוואַלטער פֿון אינסטיטוט און פֿאַרבינדלער פֿון אינסטיטוט מיטן קלוב.

**לעווקאָוויטש סימע** – שרייבט אַלע אונדזערע פּרעסע־נאָטיצן און האַלט אָן פאַרבינדונג מיט די ענגליש־יידישע צייטונגען.

**ליפּשיץ אסתר** – ביבליאָטעקאַרין, גיט אַכטונג אויף די ביכער און לייענער, פאַרנעמט זיך מיט אונדזער שבתדיקער באַלעבאַטישקייט, באַזוכט קראַנקע און זאָרגט פאַר דעם עסטעטישן אויסזען פון קלוב.

**פאַזי בעלאַ** – דאָס "אויג" פון קלוב, זאָרגט פאַר דער קאַסעביים אַריינגאַנג, פאַרנעמט זיך מיט געסט און ברענגט צייטנווייז יינגערע מענטשן אין קלוב.

**סאָסקי יוסף** – אַ נייער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג, אַרכיוויסט פון קלוב.

**סלוצקי מענדל און רחל** – אונדזערע ראַטגעבער. רחל איז אויך פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַרין און מענדל פאַרנעמט זיך מיט די פינאַנסן.

**שטיינמאַן נתן** – צוזאַמען מיט צבי הירש אַדמיניסטראַטאָר פון "חשבון", טראָגט דעם עול פון פונאַנדערשיקן, ברענגען אין אָרדענונג און אויך זאָרגן פינאַנציעל פאַרן זשורנאַל.

**הענלי מאַשע** – צוקאָאָפּטירט געוואָרן אין מיטן יאָר צו דער פאַרוואַלטונג. זי איז פאַרבינדלערין צווישן פאַרבאַנד "נוסח־ווילנע" און דעם קלוב.

**משה שקליאַר** - רעדאַקטאָר פון "חשבון".

**לילקע מייזנער** – פאָרזיצערין פון קלוב.

וואָס שייך די טעטיקייטן. פון דעם 5־טן אָקטאָבער ביז דעם 30־סטן מאַי האָבן מיר דורכגעפירט 32 קולטור־אָוונטן מיט אַ דורכשניטלעכן באַזוך פון 74 פּערזאָן. דאָס איז אַ סך – און ווייניק. אַ סך אין דעם זין וואָס מיר האָבן אויסגעפילט יעדן שבת מיט אַ פּראָגראַם אויף אַ געהעריקן ניוואָ; ווייניק – לויט דער צאָל באַטייליקטע, הגם מיר האָבן געזען פרישע מענטשן, אַ יינגערן עלעמענט. מיר ווייסן וועלכע עס זענען די שוועריקייטן. דער ביאָלאָגישער זייגער שטייט נישט אויף קיין אָרט, אויך טראַנספּאָרטאַציע איז אַ פּראָבלעם – און צום יינגערן דור איז שווער צוצוקומען. כאָטש מיר באַקומען זייער גוטע אָפּרופן און פאַראינטערעסירונג פון העכערע לערן־אַנשטאַלטן, דאָך איז דער צופלוס פון יינגערן עלעמענט אַ מינימאַלער.

די אַרבעט איז נישט קיין לייכטע. די אָוונטן דאַרפן באַזאָרגט ווערן מיט לעקטאָרן וואָס קאָנען אונדז באַרייכערן און זענען אויך באַקאַנט אין דער סביבה. מיר האָבן זיך באַמיט איינצולאַדן באַקאַנטע שרייבער, געלערנטע, זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן – און געהאַט דערפאָלג. עס האָבן אַ סך בייגעטראָגן פּערזענלעכקייטן פון שטאָט, וועלכע האָבן נישט געקאַרגט זייער וויסן און צייט. דריקן מיר זיי אויס אונדזער דאַנק און מיר וועלן זיי "אויסנוצן" אין קומענדיקן יאָר...

די לעקטאָרן און קינסטלער זענען געווען: פון אַרגענטינע די אַקטיאָרן־פּאָר דענקער אין אַ קליינקונסט־פּראָגראַם; לילקע מייזנער – וועגן באַשעוויס זינגערס, ביי דער פּיאַנע פּ. מאַלעוויטש; מאַרטאַן שטיינמאַן (פון יינגערן דור) – "וואָס בינדט מיך מיט דער יידישער קולטור", אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם – ריסאַ איגעלפעלד; יעקב לעווין אין אַ שלום־עליכם פּראָגראַם; יעקב באַסנער – פאַרלייענונג פון באַשעוויס־זינגערס ווערק, איזאַבעל קעץ – געזאַנג; פּראָפ. הערשל סלוצקי – וועגן רעאַקציאָנערע ווינטן אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן; דער ריכטער חיים שוואַרץ – וועגן די שאַפונגען פון יעקב גלאַטשטיין.

אַ ספּעציעלער אָוונט איז געווען געווידמעט אונדזער פאַרשטאָרבענעם פאָרזיצער משה כהן.

צבי הירש האָט געערדט וועגן יום־טוב חנוכה; פריינד ווייסבערג – פּערספּעקטיוון פון ישראל פאַרן יאָר 1992; מאַיאַ ווייסבערג־אייזין (פון מעקסיקע) – "די שפּאַנישע אינקוויזיציע"; פּראָפּ. רב נוי – וועגן יידישן ישוב אין רוסלאַנד; פּראָפּ. זשאַנעט האַדאַ – וועגן איציק מאַנגערס שאַפן, ביי דער פּיאַנאָ – פּ. מאַלעוויטש; חיהלע אַש – "משלים ביי יידן"; לילקע מייזנער – וועגן זוסמאַן סעגאַלאָוויטש; גאָלדי קאַהן – "אָקספאָרד־קאָנפערענץ"; מלכה שאו – "געשיכטע פון יידישן פאָלקס־ליד"; באַשע וואַנעמייקער – פאָרלייענונג פון לילי בערגערס פּראָזע; משה שקליאַר – וועגן דער שאַפונג פון משה שולשטיין, ביי דער פּיאַנאָ – דיאַנאַ וואָלמאַן; פּראָפּ. סאָרעץ – געשיכטע פון "הבימה"־טעאַטער; יהודה עלבערג (מאָנטרעאָל) – "די מוזיק פון יידישן קרעכץ"; אַ קאָנצערט פון יידישן פאָלקס־כאָר; פּראָפּ. בונין – וועגן יידישע קאָמפּאָזיטאָרן אין ל.א., געזאַנג פון ריסאַ איגעלפעלד; יעקב לעווין – וואָרט־קאָנצערט; אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג;

אָונט געווידמעט דער שואה מיט דער באַטייליקונג פון דאָראָטי ראַכמיס און נתן גראָוויטש, העדי שטיינמאַן – רעציטאַציע;

צבי הירש – וועגן יום העצמאות. ד"ר משה וואָלף – גרוסן פון רוסלאַנד; מאָטל האָראָוויץ – פאָרלייענונג פון מאַנגערס לידער; ליסאַ לעבאָווסקי – קאָנצערט פון יידישע, העברעישע און לאַדינאָ־לידער; שרה ליינער – וועגן יום־ירושלים.

אין לויפיקן יאָר האָבן באַזוכט אונדזערע אונטערנעמונגען 2330 מיטגלידער און געסט. ווי ס'איז צו זען האָבן מיר געהאַט אַ שפע פון פּראָגראַמען, און די טעמאַטיק איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע און אינטערעסאַנטע. ווילן מיר דאָ אויסדריקן אַ דאַנק אַלע לעקטאָרן, אַקטיאָרן, מוזיקער, אַלע אָנטייל נעמער אין אונדזערע פּראָגראַמען.

מיר האָבן נאָך איין אוצר וואָס איז אַ טייל פון אונדזער קלוב, דאָס איז דער "חשבון", דער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער זשורנאַל וועלכער דערשיינט רעגולער אונטער דער רעדאַקציע פון משה שקליאַר, מיט דער מיטהילף פון ישראל גובקין. די אַדמיניסטראַציע, ווי דערמאָנט, באַשטייט פון די ח"ח הירש און שטיינמאַן, וועלכע פירן אויס מיט געטריישאַפט זייערע אויפגאַבן.

מען וואָלט נאָך געקאָנט אַ סך דערציילן וועגן דער אַרבעט פון קלוב און דער איבערגעגעבנקייט פון די מיטגלידער. אָבער דאַכט זיך, אַז עס איז שוין גענוג געזאָגט געוואָרן געגנוג. ווילן מיר פאַרענדיקן מיט דעם הייסן ווונטש, אַז צום 66־סטן יאָר זאָל די אַרבעט נישט אָפּגעשוואַכט ווערן, מיר זאָלן ווייטער שטאָלץ טראָגן די רייכע קולטור־ירושה פון אונדזער פאָלק; דערגרייכן, אפשר, צו דעם דור וועמען די ירושה איז נאָך פרעמד, אָבער זוכנדיק די וואָרצלען וועלן זיי דעם אוצר געפינען. אונדזער אַרבעט איז אַ וויכטיקע און וואָגיקע, לאָמיר ווייטער אָנגיין!

**לשנה טובה תכתבו ותחתמו**

# א הסתדרות אַניואַטי טראַסט-קאָנטראַקט

- פון דער -

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

**אינקאָרפּאָרייטעד**

**פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: -**

* אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און

* באַרייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, "פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

**עלווין סמאָלין, וויצע־פּרעזידנט**

**אבּרהם פּרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר**

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**

**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

811 Beverly Blvd., Suite 1700 * Los Angeles, Calif. 90017

Telephone: (213) 683-8036



דער דיסטריקט קאמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

A·R

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

# לאָס אַנזשעלעסער

# יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם

**תכלה שנה וקללותיה**

**תחל שנה וברכותיה**

**ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד**

**יידיש צווייג**

נאָרמאַן קאַרין - אַסאָסייעטעט-פּרעזידענט
מרדכי בן-דוד - וויצע-פּרעזידענט
לעאָ ראָזענבלאַט - וויצע-פּרעזידענט
בערטאַ קאַרין - פינאַנץ-סעקרעטאַר

---

יום-טובדיקע גרוסן און וווּנטשן צו די שרייבער, אַדמיניסטראַציע און לייענער פון „חשבון". זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפּרייטן און פּאָפּולאַריזירן די קולטור-אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
**בעטעסדאַ, מערילענד**

---

**דרורה קלוב נעמת**
ליובא שלאַפּמאַן - פּרעזידענט
פרימע גאָרענשטיין - וויצע-פּרעז.
בערטאָ קאָרין - פינאַנץ-סעקר.
רעגינאַ שידלער-קאַסירער

**הצפירה**
**סימאַ קאַרפּ־לעפּקאָוויץ**
פּרעזידנענט

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס**

**בעסטע ווונטשן צום נייעם יאָר,**

**צו אַלע אונדזערע פריינד**

**און שלום אויף דער וועלט און ישראל**

**אירווינג טייטלבוים - פּרעזידענט**

---

**צו משפּחה, חברים, פריינד און מיטאַרבעטער**

**שנת ברכה והצלחה**

**הירש - צבי, טאָני און אילאי**

---

**ד"ר שייפער - בענסאָן און דאנא**

**פּאָרטלאַנד, אָרעג.**

---

**אין אָנדענק פון מיין מאַן**

**משה אייזענמען ע"ה**

**רבקה, דבורה, לעסלי, יואל און גרעגאָרי**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

גיבערמאַן אסתר – מיין משפּחה און חברים

אַ גליקלעך יאָר

גערּאָוויטש – לודמילאַ און נתן

ד"ר האַדאַ – זשאַנעט און אַלען טאָבין

הענדל – שלמה

די וואַנאַמייקער משפּחה

וודס – חנה און בנימין

לאַנצמאַן – בערנאַרד

לובין – דוד

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

ליינער - שרה, שמחה און משפּחה

---

מלאך-קרעמער - לאָטי

---

נודעלמאַן - שלום

---

ד"ר פישמאַן - בערט און בעטי, פּאַסאַדינאַ, קאַל.

---

קאפּלאַן - רחל און דוד

---

קאַרין - בערטאַ און נאָרמאַן

---

קאַרפּ-לעפּקאָוויץ - סימאַ

---

רוהמאַן - חנה

---

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

---

**שאַפּיראָ - רעי און מאַרטי**

---

**שאַרף - עלסי, לאָרי און משפחה**

---

שוואַרץ - חיים

צום נייעם יאָר באַגריס איך מײַנע טײַערע משפחה-קרובים און אַלע מײַנע פריינד. איך ווינטש זיי אַ געזונט, גליקלעך יאָר אין אַ וועלט פון שלום. זיי אַלע צו לאַנגע יאָר, דערמאָן איך מיט ליבע און צער מײַן פרוי רות און מײַנע דריי פאַרשטאָרבענע שוועסטערס און ברודער זישע, אסתר רעלקע און משה. זיי וועלן אייביק לעבן אין מײַן זיכרון!

---

**שוואַרץ דאָראַ און משפחה**

---

**שייפער - דאָראַ און יעקב**

---

**שעפּס - חנה און שמעון**

---

**אַלעקסאַנדער - עוועלין**

---

**אָמען - סאָניאַ און הערי**

---

**הענלי - מאַשאַ**

---

**טשעסני - רחל און סימאַ**

---

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

לעווין - רעגינאַ און יעקב

נוטקעוויטש - מישעל און משפּחה

סאָסקי - העלען און יוסף

פֿאַנטיין - דזשין און אירווינג

פּארעם ל.

פּאָזי - בעלאַ און משפּחה, אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן אריה פּאָזי. מיר וועלן אים קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

שידלער - רעגינאַ און חיים

אַוורוטין - רעי
אַלפּער - מאַקס
באַסנער - יעקב
בונין - סטענלי
בורמאַן - געניאַ און אַלבאַ
בייראַק - דאָראַ
גאָרפּיין - רחל און מאַניע
גאָרענשטיין - פּרומע
גיבערמאַן - אסתר
גילינסקי - ליובאַ
גובקין - ישראל
האָראָוויץ - עוועלין און מאָטל
הערבסט - טשאַרנע און גרשון
הערבסט - מרים או הערשל

וואַסערמאַן - סילאַ
וועלטמאַן - פּראַניע און משפּחה
זאַללען - ריטשאַרד
זימער - טשאַרנע
זשוק - סאַבינאַ און חיים
כהן - אסתר
ליבערמאַן-געלבאַרט - רבקה, אברהם און משפּ.
ליפּשיץ - אסתר
לעווענטאַל - בעבע און עלי
לעכאָוויצקי - דוואָשע און אהרון
מאַלעוויטש - פּסח און זעלדע
מייזנער - לילקע און שלמה
מייפּער - וועראַ און טשאַרלז

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישׂראל אין מדינת ישׂראל און איבער דער גאָרער וועלט

סאַפּיאַן - העלען
סילבער - אַדעל און יצחק
סלוצקי - רחל און מענדל
סלוצקי - יעווגעניאַ און אברהם
עלבערג - יהודה
פלאַם - גילה, ירושלים
פערלסאָן - רחל
פעלנער - פייגע און משה
מאַראָקאָ
פרידמאַן - חייה און גרשון
פראָם - סאָפי
קוטין - רחל און ציב
ראָזענבלאַט - עטל און לייב
ראָטמאַן - רעגינאַ און לואי
ראַבינאָוויטש - אהרון
רייך - שיינדל
ד"ר שאַו - מעני און מלכה
שטיינמאַן - נתן
שלאָסער - נעכע
שנור - פאַינאַ, יוסף און משה.
שלאַפמאַן - ליובאַ
שעלי - שרה
שקליאַר - דבורה און משה

דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס
באַגריסט האַרציק אונדזער טייערע

# שרה לײנער

צו איר באַקומען דעם טיטל "דאָקטאָר אָף היומאַניטיס"
פון דעם "היברו טעאָלאָדזשיקל קאָלעדזש,
דשזואיש יוניווערסיטי אָף אַמעריקאַ".
מיר ווינטשן איר יאָרן פון פרוכטבאַרער אַרבעט
אין פעלד פון יידישן וויסן.
דעם מאַן, אונדזער טיערן ש מ ח ה,
און דער גאַנצער משפחה ליינער - יאָרן פון
געזונט און גליק

טייערע סימא קאַרפ־לעווקאָוויץ!
צו אייער אַכציקסטן געבוירן־יאָר ווינטשן מיר אייך
אַ סך לאַנגע, געזונטע און שעפערישע יאָרן.
פאַוואַלטונג
פון יידישן קולטור־קלוב
אין לאָס־אַנדזשעלעס.